בס"ד / שנה ו' / פרשת תצוה / נומער 304

# כרעטל



**ווען נהפוך איז גאר'נישט הוא**
שמאי שטראויז

**מוסדות ארץ ישראל געטעפנט אין בית שמש**
נייעס פון גאנץ לאנד

**עמלק פארשטעלאכטס**
גרשון שניצלער

**באזוך אין אלבאני**
נו ווער?

# פורים גרעסער פון יום כיפור

וואס צוטון פורים | **פארוואס איז פורים גרעסער פון יום כיפור** | די כוונות ביי עטיפת טלית | **וואס בעט דער ראש ישיבה פון אלע תלמידים אין אזא גרויסן טאג** | מער אויף זייט 22 . **ודבר שלום לכל זרעו**

**בס"ד**

פרשת תצוה
פורים -
תשפ"ו

**נומער**
**304**

שנה ו'


| | |
|---|---|
| **04** | צום פינטל |
| **08** | קהילה נייעס |
| **10** | פנינים |
| **12** | וועלטליכע נייעס |
| **14** | עידנו |
| **18** | אלט און אלעמען |
| **20** | פשרה'לאז |
| **22** | בריוו פון ראש ישיבה |
| **28** | מעשיות פון תפילה |
| **30** | געדאנקען |
| **34** | היכל הלכה |
| **42** | געשעענישן |




















**רעדאקטאר:** אברהם הערש וועבערמאן, **רעדאקציע:** אברהם יצחק אייזנער, אברהם משה הכהן שטראססער, אהרן קליטניק, בערל שניצלער, מ. מאנן, גרשון קרעמער, יואל וועבערמאן, יואל שניצלער, יודא לייב ווייס, ישראל דוד העסקעל, משה ארי' שניטצלער, שמואל אייכנשטיין, משה ראזענבערג, ישראל קרויס..


# בלעטל


**845.379.1161**
136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
**Editor@bletelmagazine.com**
צו באקומען אויף פאסט:
718.387.2691
subscribe@bletelmagazine.com
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Bletelmagazine.com
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
**ארץ ישראל:** 053.315.6938


ערשינען!
די ערשטע תלמוד ירושלמי מנוקד איז שוין ענדליך ערשינען! האנדלט אייך איין דעם הערליכן ירושלמי און איר וועט זיך מחיה זיין מיט די הערליכע דרוק גרויסע אותיות און שיין מנוקד.
תלמוד ירושלמי
צו באקומען אין אלע ספרים געשעפטן
פאר האלסעיל רופט:
ארה"ק: 0543098633 ארה"ב 845-798-9340
*sruliHeskel

פינטל.

# ווען נהפוך איז גאר'נישט' הוא

איך זע איין טאג ווי מיינע קליינע קינדער קוילערן זיך פאר געלעכטער. זיי האבן ממש נישט געקענט כאפן דעם אטעם.

איך האב געטראכט פון רופן הצלה. זיי הערן אויס א מעשה, א טעיפ, א סידי, א יו-עס-בי. ר' פישל שעכטער דערציילט א סיפור פון אידן אין רוסלאנד וואס האבן געדארפט אפהיטן אידישקייט במחתרת. איך ווייס נישט אויב די קינדער האבן צוגעלייגט קאפ צו די מעשה, אבער זיי זענען שטעקן געבליבן ביי איין שורה וואס דאס האט זיי צושטורעמט פון געלעכטער ביז צו חניקה, "און זיי זענען געגאנגען און זיי פארשטעלט די פענסטער..." זיי מאכן עס צוריק נאכאמאל און זיי לאכן.

וואס איז דא צו לאכן דא? "און זיי זענען געגאנגען און זיי פארשטעלט די פענסטער..."

אה! אה, איך כאפ שוין. זיי האבן געמיינט אז מען האט גענומען די פענסטער און עס פארשטעלט... אין זייער קינדערישע פאנטאזיע זעען זיי ווי איינער נעמט ארויס א פענסטער און ער פארשטעלט עס... ווי וואס פארשטעלט מען א פענסטער? ווי א טיר? ווי א לייב? א בער? א פיר-עקיגע מצה?... בקיצור, זיי רייסן זיך פאר געלעכטער.

די טיר מאכט זיך אויף און עס רינט אריין א גאנצע טוץ פון קיען, אקסן, לייבן, בערן, פליגן... בקיצור, אלעס וואס עס איז געווען אויף נמרוד'ס קאוט... יא, יא, דאס וואס עשו האט צוגע'גנב'עט.

איך קוק מיך צו און איך ווייס אז זיי זענען נישט קיין וואלד, נישט קיין בערן, אבער ווער יא, דאס ווייס איך נישט. פארשטעלט איז פארשטעלט.

איין זאך ווייס איך יא: דאס זענען מיינע טייערע תלמידים וואס זענען געקומען פורים נאכמיטאג זיך אביסל משמח זיין מיט זייער מנהל... זייער נארמאל... ניין?

און איך טראכט: ווער זענען זיי? פארוואס זענען זיי פארשטעלט? ס'קען זיין אז זיי זענען פארשטעלט א גאנץ יאר. ווער ווייסט?

איך הייב מיך יעצט שוין אן מער צו מוטשענען מיט די פארשטעלעכץ פון א גאנץ יאר ווי די פארשטעלעכץ פון פורים. ווער איז אונטערן לייב, בער, אקס, שטיר, פליג? נישט אזא גרויסע נפקא מינה.

אבער ווער עס איז אונטער די שיינע געביגלטע העמד, אונטער די שיינע וואלענע ציצית, אונטער די דריי-פערטל רעקל, אונטער די הודי, אונטער די פאולער שוירט, אונטער די טלית קטן, אונטער די ברייטע הוט, אפ העט, שטאפענע הויכע פלאכע?

ווער איז אונטער דעם וואס איז אונטער דעם?

אה, איך ווייס וואס דו גייסט זאגן: אונטער דעם ליגט א טייערע אידישע נשמה. און ווייסט וואס? איך וועל דיר זאגן - ביסט גערעכט!

אבער איך וויל דו זאלסט פארשטיין אז ווען דו זאגסט "דא ליגט א טייערע נשמה", האסטו גארנישט געזאגט. עס איז אמת, אבער עס פירט דיך נישט אין ערגעץ.

יעצט הער און זע וואס איך זע, וואס איך פיל דא.

נכנס יין יצא סוד. וואסערע סוד קומט ארויס פורים? פורים קומט ארויס א געוואלדיגע סוד. מוהרא"ש זאגט אז אויב מען לערנט ליקוטי מוהר"ן זייער זייער טיף, וואס פאסירט? מען קומט

**הרב אברהם משה שטראסער**

ארויס פון די אנדערע זייט. אבער מיר האבן יא אמאל וואס מיר דארפן טיף טיף ארײנדייוון אין ים און אפילו ארויסקומען פון די אנדערע זייט.

ביי די ארון איז געווען אזוי: עס איז געווען אינדרויסן גאלד, אינעווייניג האלץ. אינעווייניג איז ווייטער געווען גאלד. ווען דו האסט אנגעקוקט די ארון אויבערפלעכליך, האסטו געזען, וואוו! דא ליגט א טייערע שטיקל, א גאלדענע ארון. אבער איינער, א טראכטער, א טיפערער, האט גלייך געזען נא... וואס עפעס... עס איז גאר קיין גאלד נישט, עס איז האלץ!

יא, יא, דאס איז א טיפישער טיפער טראכטער. די וואס מיר קענען, זיי וועלן אלעמאל זען דעם אמת'ן שווארצן בילד פון אלעס. זיי לאזן זיך נישט סתם פארדרייען א קאפ. נא, נא, נא, נא, נא, מיר וועסטו נישט פארקויפן, מיר וועסטו נישט איינרעדן. עפעס ליגט דא אונטער דעם, עס שמעקט מיר נישט די גאנצע מעשה דא. מיר קוקן אים אן - אהה! וואוו! דער האט א קאפ, ער טראכט אריין, ער לאזט זיך נישט נארן.

אבער נאכדעם איז דא א שששששש... טראכטער, א שטילער טראכטער. ער איז נישט אזוי טיף, ער איז נישט אזוי גריבן, ער איז נישט אזוי שארף, אבער ער טראכט מיט דעם מח פונעם צדיק. דער צדיק לאכט פון דעם טיפן טראכטער. ער טראכט, אבער ער טראכט נישט גענוג טיף כדי אנצוקומען צום ראק באדעם. ער ווייסט נישט אז אויב ער זאל גראבן נאך אביסל טיפער, א טראפ טיפער, וועט ער זען אז דער ארון איז ווייטער גאלד. עס איז גאלד פון אינדרויסן, און טיף טיף טאקע באהאלט זיך האלץ וואס דער טיפער זעט און מאכט מיט די הענט אזוי "פע", עס איז נישט קיין גאלד, אבער אונטער דעם איז גאלד.

דאס איז א אידיש קינד, יא יא איך ווייס דיינע חיזוק. א איד איז קיינמאל נישט פארפאלן, תורוס לאקשן, חיזוק שמיזיק, בלא בלא. א נשמה באהאלט זיך טיף אין יעדן איד. ער, דער טיפער טראכטער, קויפט עס נישט. ווייסט פארוואס? ווייל ער ווייסט דעם אמת. די אלע חיזוק איז גוט פאר איינעם וואס וויל זיין א איד און עס גייט אים נישט. ער מוטשעט זיך,

יא, יא, דאס איז א טיפישער טיפער טראכטער. די וואס מיר קענען, זיי וועלן אלעמאל זען דעם אמת'ן שווארצן בילד פון אלעס. זיי לאזן זיך נישט סתם פארדרייען א קאפ.

ער וויל אזוי שטארק, ער האט פיינט שלעכטס, אבער ער קען נישט. דער יצר האט אים ווידער בייגעקומען. ער אבער היפט איבער אלע חיזוק, עס רעדט נישט צו אים. ער איז אין א 'טיפע' יאוש. ער ווייסט 'דעם אמת' אז ער האלט טאקע ביי גארנישט. ער ווייסט אז ער האט ליב ושתי, נישט אסתר. ער ווייסט אז ער גלוסט צו די סעודה פון אחשורוש, נישט צו די קמיצה פון מרדכי.

דערפאר, ווען דו קומסט צו אים מיט א חיזוק ווארט, טראכט ער נעבעך: "דער פלאטשיגער ברסלב'ער, ער מיינט אז עס איז דא א וועג פאר מיר. ער קוקט מיך אן פון אינדרויסן - גאלד, אבער ער ווייסט נישט אז אינעווייניג בין איך פארפוילט. אינעווייניג איז דאס בלויז א שטיקל האלץ, גארנישט קיין גאלד." יא יא, איך זאג: "באשעפער, איך וויל זיין גוט" - אבער עס איז דאך אזא בלאף, אזא ליגנט. וויל איך דען זיין גוט? אויב וויל איך זיין גוט, קען איך זיין גוט. איך וויל נישט זיין גוט! ער שרייט: "אהבתי את אדוני ואת אשתי" - איך האב ליב מיין נייעם הער, דער יצר הרע, "ואת אשתי" - און זיין פלוניתטע, "ואת בני" - און די אלע קינדער וואס קומען ארויס אלו מעשיהם של... רח"ל

אהה! אהה! אהה! ער מיינט אז ער טראכט, ער ווייסט נישט אז דער וואס האט ליב אין אים איז נישט ער. ער מיינט אז דער וואס טראכט אין אים איז נישט ער בכלל. ער מיינט אז דאס וואס ער גליסט און ער האט ליב, דאס איז דער אמת. ער ווייסט נישט אז עס איז דא נאך א טראפ טיפער, וואס דארט איז גאלד. דו ביסט גאלד פון אינדרויסן, דו ביסט גאלד פון אינעווייניג. דו כאפסט נישט אז פשוט אינדערצווישן איז דא א שטיקל האלץ למען הבחירה והנסיון.

די פענסטער איז פארשטעלט פשוט, פורים איז פארשטעלט. עס קומט ארויס

דער אמת'ער אמת, די סוד וואס איז א סוד און בלייבט א סוד, אז באמת באמת זענען אידן גוט, באמת באמת זענען אידן וואויל. ווייל אפילו דו וועסט אריינגיין בעומק הדברים און דו וועסט זען באמת לאמיתו אז דער זאגט נאר משפה ולחוץ: "באשעפער, איך וויל זיין גוט, באשעפער, איך טו תשובה," און דו וועסט (פאלטש) טראכטן עד שיעיד עליו יודע תעלומות. נאר איין באשעפער ווייסט דעם אמת וואס איך וויל באמת, וואס איך גליסט באמת.

ארום מיר שטייען לייבן, בערן, אקסן, פליגן, מייזן. דאס איז די סוד וואס עס קומט ארויס אום פורים. דו מיינסט אז דו קענסט מיך ווייל דו קוקסט אויף מיין פנימיות. דו הערסט נישט. דו מיינסט אז דו קענסט דיך ווייל דו קוקסט אויף דיין פנימיות און דו ווייסט דעם אמת. דערפאר שטעל איך דיר ארויס נאדיר דיר. דא האסטו, דאס איז מיין פנימיות: א בער, א לייב, א מייז, א פליג... און קוק, בין איך א בער, א לייב, א מייז, א פליג? ניין! נו, וואס בין איך יא? נישט וואלענע ציצית, ווייל דאס איז דאך נאר א פארשטעלעכץ. נישט שיינע פיאות, ווייל דאס איז נאר א יוניפארם.

אה, לאמיר אריינגיין טיפער. א לייב, א בער, א מייז, א פליג? יא? דאס בין איך? ניין! נו, וואס יא? ווער בין איך, וואס בין איך? אה! יעצט וועסטו פארשטיין די סוד. עס איז נישט דאס און נישט יענץ.

עס איז דא נאך א טיפערע באהאלטענע שיכט וואס נישט דער פלאטשיגער און נישט דער טיפער ווייסן דערפון, נאר דער צדיק און דער וואס האט די צדיק'ס אויגן. ער ווייסט באמת אז יא! איך וויל זיין גוט! מיט אן אמת? ניין, מיט אן אמת'ן אמת! דאס וואס דו זעסט און דו ווייסט און דו פארשטייסט אז די גאנצע זאך איז א בלאף, איז ווייל דו זעסט די חיצוניות'דיגע פנימיות! דו זעסט נישט די אמת'דיגע טיפקייט פון א איד. א איד איז בלויז גאלד פון אינדרויסן און פון אינעווייניג.

ווייל דער איד זאגט בחיצוניות "רבוש"ע, איך וויל זיין גוט", אפילו טאקע דער האלץ וואס ליגט דארט אינדערמיט שפירט דאס פארקערטע.



אפילו טאקע דער פארשטעלעכץ, די פורים קאסטיום - די לייב, מויז, אקס, בער, פליג - פילט פונקט דאס פארקערטע. דאס איז נאר א דרויסענדיגע זאך, ווייל דער איד פילט נישט אלעמאל גוט. נישט אלעמאל זענען זיינע געפילן ריכטיג, צומאל, און היינט איז עס כמעט אלעמאל, די פילינגס פון א מענטש. און יא, די טיפע געפילן טוען אים פארנארן. ער מיינט אז ער זאגט פאלטשערהייט "רבוש"ע, היינט וויל איך באמת זיין גוט, היינט וויל איך אוועקווארפן אלע מיינע שמוץ, היינט וויל איך אויפהערן צו קוקן שלעכטס, היינט וויל איך אפהאקן אלע מיינע שלעכטע קשרים, היינט וויל איך באמת גיין אנגעטון ווי אסתר."

ער מיינט אז ער פילט אז באמת וויל ער עס נישט. ער זאגט עס נאר ווייל מ'האט אים/איר געהייסן אזוי זאגן. זאלסטו וויסן דו ביסט פארשטעלט, דו זע נאר אז אינדרויסן זאל זיין ווייטער גאלד. דו זאלסט זאגן ווייטער "באשעפער, איך האב דיך ליב, באשעפער, איך גיי אויס פאר דיר, באשעפער, איך וויל נישט גארנישט נאר נכלל ווערן אין דיר", און אינעווייניג איז עס סייווי גאלד. אינעווייניג וויל זיך נאך סאך מער ווי דו זאגסט.

דאס קען זיין פשט אינעם פיוט וואס מען זאגט יום הקדוש, "אם תמצא עומק הדין" - באשעפער, ווען דו וועסט אריינגיין טיף טיף אינעם דין, דו וועסט ווילן משפט'ן אידישע קינדער, אבער דו וועסט אריינגיין טיף טיף צום אמת'ן אמת - "מי יצדק לפניך בדין" - ווער קען דען בלייבן גערעכט אז עס דארף זיין דינים אויף אידישע קינדער?

# חכם
## מה הוא אומר

# וואס גייט
# מעכי פאגן?

דאנערשטאג נאכט
ראש חודש ניסן
MARCH 19

עטרת מייפעלס
3 YD GOLDBERGER DR,
MONROE, NY 10950

#מה_נשתנה

מוסדות היכל הקודש ברסלב בארה"ב
רענט קאמפיין

*sruliHeskel

# קהילה נייעס



**מוסדות היכל הקודש ירושלים ציעט זיך אריבער קיין בית שמש**

אין א דראמאטישע אנטוויקלונג פאר מוסדות היכל הקודש אין ארץ ישראל, איז די וואך דינסטאג פולקאם אריבערגעפירט געווארן סיי דער חדר פאר די אינגלעך און סיי די מיידל שולע פאר די מיידלעך פון ירושלים קיין בית שמש. דאס איז אן אומגעוועהנליכע געשעעניש וואס איז צושטאנד געקומען נאך אסאך תפילה והתבודדות.

דער הויפט סיבה פאר דעם דאזיגן שריט איז צוליב דעם וואס בערך אכציג פראצענט פון די משפחות וואס שיקן זייערע קינדער אין די מוסדות וואוינען אין בית שמש. דערצו זענען געווען נאך פילע משפחות אין בית שמש וואס האבן באמת געוואלט שיקן זייערע קינדער, אבער האבן זיך צוריקגעהאלטן בעיקר צוליב די שווערע נסיעות יעדן טאג קיין ירושלים. עס איז דעריבער קלאר געווארן אז עס איז נישט מער ווי יושר אריבערצופירן די מוסדות דארט וואו די קינדער געפינען זיך.

אזוי אויך איז גרינגער צו האבן אין בית שמש א שטח פאר די מוסדות, וואס מיט די צייט וועט מען קענען בויען אויף דעם א בנין פאר די מוסדות מיטן אייבערשטנ'ס הילף.

אזוי ארום איז געווארן א נייע מציאות: די קינדער פון ירושלים פארן יעדן טאג קיין בית שמש, אנשטאט ווי עס איז געווען ביז יעצט ווען די בית שמש'ער קינדער פלעגן רייזן יעדן טאג קיין ירושלים.

אבער, ווען דער באשטימטער טאג איז אנגעקומען, איז דער צוגעגרייטער פלאץ פארן חדר נאכנישט געווען אינגאנצן גרייט. אלס רעזולטאט האט מו"ה יצחק ראטה הי"ו מנדב געווען זיין אייגענע דירה מען זאל עס קענען נוצן פארן חדר. אין די לעצטע צוויי טעג איז זיין גאנצע שטוב - דער דיינינג רום, די קאך, און די שלאף צימערן - אלעס פארוואנדלט געווארן אין א מקום תורה פאר די לויטערע תינוקות של בית רבן.

יעצט איז שוין די צייטווייליגע געביידע פאר די חדר ב"ה גרייט. פילע יונגעלייט און בחורים פון אנשי שלומינו האבן ארויס געהאלפן אריבערצופירן דעם חדר צום נייעם לאקאציע, וואו עס וועט בעז"ה בלייבן ביז מען וועט קענען אויפשטעלן אן אייגענע געביידע.

בלויז צוויי טעג נאכדעם וואס די מוסדות האבן זיך געעפנט אין בית שמש, זענען שוין צוגעקומען פרישע קינדער וואס האבן זיך איינגעשריבן, און עס איז דא נאך א שיינע צאל קינדער וואס ווארטן אריינצוקומען. די הנהלה גיט איבער אז די מוסדות וואקסן יעצט גאר שנעל, ווען עס קומען כסדר אריין נייע טעלעפאן רופן פון עלטערן וואס ווילן דרינגענד איינשרייבן זייערע קינדער.

אויסער די תלמידים פון ירושלים און בית שמש, קומען די עלטערע קינדער - די כיתה פון הר"ר אבא חייא רייזמאן שליט"א פון בני ברק - יעדן טאג קיין בית שמש. די מיטעלע כתה ווערט געפירט דורך הר"ר יוסף כ"ץ שליט"א, און די יונגערע קינדער דורך הר"ר יעקב גוטמאן שליט"א. לויט'ן יעצטיגן שנעלן וואוקס, זעט אויס אז מ'וועט בקרוב דארפן עפענען נאך כיתות אין בית שמש.

נייעס'לער און אנטוויקלונגען
אינערהאלב קהילת היכל
הקודש ברסלב

די הנהלה שטעלט קלאר אז דאס אריבערציען איז נישט מיט'ן ציל צו שפארן געלט; פארקערט, די רענט פאר די גרעסערע לאקאלן אין בית שמש איז נאך טייערער ווי אין ירושלים. מען האט דא בלויז אינזין די טובה פון די קינדער, און ב"ה מען זעט שוין דעם שטארקן פאזיטיוון השפעה אויף די קינדער. אין ירושלים זענען די מוסדות געווען אין א זייער ענגע און קליינע פלאץ, וואו די קינדער האבן נישט געהאט קיין פלאץ צו לויפן און שפילן. אבער דא אין בית שמש זעט מען שוין ווי די קינדער בליען און וואקסן אין א געזונטערע סביבה, געניסנדיג פון ברייטע און באקוועמע חדרים.

ווי דער ראש ישיבה זאגט, איז קוקט מען נישט ווען מען ציט זיך אריבער צו א נייע פלאץ אויף שכנים אדער די וועטער; דער עיקר און די ערשטע זאך דארף זיין די מוסדות החינוך – וואו וועלן מיינע קינדער לערנען? צוליב דעם זענען דא עטליכע משפחות פון ירושלים וואס פלאנען זיך אריבערצוציען קיין בית שמש.

אויסער דעם וואס עס זעט אויס אז די צענטראלע מוסדות פון היכל הקודש אין ארץ ישראל וועלן דארט אויפגעבויט ווערן, קען מען אין בית שמש באקומען פיל שענערע און גרעסערע דירות פאר פיל בעסערע פרייזן.

די הנהלה האפט אז אין א קורצע צייט וועלן זיי קענען איינקויפן אן אייגענע שטח מיט הערליכע בנינים פאר אלע אפטיילונגען פון די מוסדות.

***אין העולם מתקיים אלא בשביל הבל פיהם של תינוקות של בית רבן***

## הכנות צום קיבוץ
# אומאן ראש השנה
## תשפ"ז הבעל"ט

כאטש מיר האלטן נאך יעצט אין חודש אדר, לויפן אבער די טעג זייער שנעל. דאס ערשטע זאך וואס מיר דארפן טון איז מתפלל זיין צום אייבערשטן.

היות עס איז דא א גאר שטארקע נאכפראגע און דער עולם וואס וויל קומען אינעם בנין איז פיל גרעסער וויפיל פלאץ עס איז באמת פארהאן, בעטן מיר גאר שטארק מען זאל נישטווארטן ביז די לעצטע מינוט. נאכ'ן דעדליין וועלן אלע איבעריגע פלעצער ווערן אפן פארן ברייטן ציבור, אן קיין שום התחייבות צו די רעזערוואציעס פון די פריערדיגע יארן.

כדי צו רעזערווירן א בעט אדער צו ארגאניזירן א גרופע פאר א צימער, ביטע רופט ביז ראש חודש ניסן הבעל"ט. אין חוץ לארץ איז געשטעלט דערויף מו"ה מרדכי ראזענבערג - 845-825-3550. אין ארץ ישראל קען מען זיך ווענדן צו מו"ה ר' יצחק שמואל פרענקל אויף 054-845-6150. אין ענגלאנד: מו"ה שמחה בלאק - 07388-582-855. און זיי זאגן אז מען וויל רעזערווירן א בעט. ווי געזאגט - ביז ראש חודש ניסן וועט מען אי"ה פרובירן צו האלטן פאר אייך די זעלבע בעט ווי פאראיאר.

אלעס מוז זיין אינגאנצן באצאלט ביז ראש חודש סיון. נאך ראש חודש סיון ווערן אלע רעזערוואציעס אפן פאר יעדן איינעם, און מיר וועלן אנהייבן אקצעפטירן נייע רעזערוואציעס. אזוי אויך מוז אלעס ווערן באצאלט מיט איינמאל - מען וועט נישט קענען באצאלן אין פעימענטס.

די פרייזן פאר די בעטן זענען ווי פאלגנד:

ערשטע שטאק - $1,300

צווייטע שטאק - $1,200

דריטע שטאק - $900

פערטע שטאק - $800

פאר סיי וועלכע הערות, אדער אויב איר ווילט האבן דעם זכות ארויסצוהעלפן מיט די הכנות אדער אינעם בנין דורכאויס די וואך פון ראש השנה, ביטע זיך פארבינדן מיט די גבאים.

***אומאן אומאן ראש השנה***

פנינים

# עמלק'ס פארשטעלאכטס

א ויפן פסוק אין שמואל א טו, ג, ווי שמואל הנביא האט געזאגט נבואה פאר שאול המלך אז ער זאל אויס'הרג'ענען יעדע שפיר פון עמלק, מענער און פרויען, קינדער און בעבים, בהמות און חיות, זאגט דארט דער הייליגער רש"י, פארוואס האט מען געדארפט הרג'ענען אויך זייערע בהמות? ווייל די עמלקים זענען געווען כישוף מאכערס, און זיי האבן זיך געקענט פארענדערן און אויסזען ווי בהמות, ממילא האט דער אייבערשטער געהייסן אויך הרג'ענען זייערע בהמות און חיות, אז אויב מ'וועט זיך פארשטעלן פאר א בהמה זאל מען זיך נישט קענען ארויסדרייען.

די נאכט וואס אגג מלך עמלק איז געבליבן לעבן אין תפיסה האט ער חתונה געהאט מיט זיין דינסט וואס איז געקומען צו אים דורך זיך פארשטעלן מיט כישוף ווי אן אייזל, און פון זיי איז ארויסגעקומען דער זיידע פון המן האגגי, און אין מדרש הגדול שטייט אז די אייזל האט געהייסן המדתא, דערפאר האט מען אנגערופן דעם רשע המן, בן המדתא.

*

לפיכך אנחנו חייבים להודות, מיר קומען א לויב און דאנק פארן אייבערשטן אז מיר האבן א ראש ישיבה וואס לערנט אונז וואס איז גוט און וועט אונז ברענגען גוטס אין לעבן, פאר אונז און פאר אונזערע דורות, און וואס איז חס ושלום פארקערט, וואס וועט אונז שאטן און פארדארבן אונזער לעבן און אונזערע דורות הבאים.

דער ראש ישיבה לערנט אונז אויף זאכן וואס זעט אויס אזוי זיס און געשמאק, ווי אן אומשולדיגע שפעלעלע, אז דאס איז שוין גארנישט אזא פשוט'ע שפעלעלע אייזעלע קיעלע, עס איז כישוף מיט א שיינע בעקיטשע, עס וועט אפשוואכן אונזער יראת שמים, אמונה, און געזונטע לעבנ'ס שטייגער און מיר דארפן שטיין ווייט דערפון; צי עס איז טעכנעלאגישע כלים, צי עס איז רעדנערס און אויסגאבעס וואס זענען אויס אויבנאויף זייער באלערנד און אינטערעסאנט, אבער ווי דער ראש ישיבה לערנט אונז - איז דאס סם וואס וועט אונז שאטן, עס וועט אריינברענגען אין אונז די קליפת עמלק און די ביטערע נאכווייען דערפון.

*

יוסף הצדיק האט איבערגעגעבן פאר זיינע ברידער, די סוד פון די גאולה, אז ווערט עס וועט קומען צו די אידן אין גלות און זיי וועלן אויסלייזן, און ער וועט זאגן מיט דעם לשון: "פקוד יפקוד", ער איז דער ריכטיגער גואל. און אזוי האבן די אידן געטון אין מצרים ווען משה רבינו איז געקומען צו זיי אז דער אייבערשטער האט אים געשיקט אויסלייזן די אידן און ער האט געמאכט די מופתים צוזאמען מיט אהרן הכהן, אזוי ווי חז"ל ברענגען אין מדרש, אז סרח בת אשר האט נאך דעמאלט געלעבט, זענען די אידן איר געגאנגען פרעגן וועגן משה רבינו, אז ער איז געקומען אויסלייזן די אידן און ער מאכט פארשידענע אותות ומופתים, און זיי האבן איר געזאגט אז ער זאגט דעם לשון "פקד יפקוד", האט סרח בת אשר געזאגט, אויב אזוי, דאן איז ער דער ריכטיגער גואל, אזוי ווי זי האט במסורה פון איר טאטן אשר, אז דאס איז די סימן פון דעם ריכטיגן גואל, און אזוי שטייט דארט אין פסוק "ויאמן העם", אז ווען די אידן האבן געהערט פון משה רבינו די ווערטער "פקד יפקד" און באשטעטיגט דעם סימן מיט סרח בת אשר האבן זיי גלייך געגלייבט אין משה רבינו.

*

די וועלט פרעגט א שטארקע קשיא, אויב עס שטייט ארויס אפן אין די תורה וואס די סימן פון דער אמת'ער גואל איז, דאן קען דאך יעדער איינער קומען זאגן אז ער איז דער גואל דורכדעם וואס ער וועט ניצן די לשון "פקוד יפקוד"...

יואל שניצלער

דער הייליגער רבי פרעגט די קשיא אין סיפורי מעשיות, סוף מעשה י', און דער רבי זאגט אז קען זיין אז דער סימן האבן נאר די זקנים געוואוסט, און דער רבי זאגט אז דער גואל האחרון וועט זיכער האבן סימנים ווי אזוי צו אויפווייזן אז ער איז דער ריכטיגער גואל. מוהרא"ש איז זייער שיין מסביר אין נהרי אפרסמון, אז דאס וואס דער רבי זאגט דארט ווייטער, דאס איז די סימן פון דער אמת'ער משיח, נעמליך, אז משיח וועט מאכן אזעלכע ספרים, וואס יעדער איינער וועט זיך טרעפן אין די ספרים, מיט זיינע ירידות און נפילות, און איבערגייעכצער, און די ספרים וועלן האבן די כח צו אנטפלעקן פאר יעדעם אלע זיינער איבערגייאכצער און אים מחזק זיין און שטארקן, אים געבן מוט אנצוגיין און אים דערפרייען און דערקוויקן דאס הארץ, עיין שם.

*

אז מ'קוקט אריין אין פסוק, ווען דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו וואס ער זאל גיין זאגן פאר די אידן האט ער געזאגט פאר משה רבינו ער זאל זאגן פאר די אידן אז ער איז זיי געקומען אויסלייזן און זיי זאגן די ווערטער "פקד פקדתי", און צוגאב צו דעם, "ואת העשוי לכם במצרים", און וואס די מצריים האבן ענק געטון.

*

לויט די אויבנדערמאנטע שמועס פון עמלק'ס פארשטעלאכטס קען מען דאס אפשר אויך זען אין די הוספה פון "ואת העשוי לכם במצרים", אז דער הייליגער רבי, מיט זיינע הייליגע תלמידים, וואס וועלן אויסלייזן אידישע קינדער פון זייער ירידות און נפילות און שווערע נסיונות און אריינברענגען אין זיי די הייליגע לויטערע אמונה און צו לעבן מיטן אייבערשטן, וועלן האבן נאך א מתנה, ער וועט אונז דערציילן וואס די מצריים טוען אונז, ער וועט אונז דערציילן וואס איז קדושה און וואס איז ח"ו טומאה, וואס איז עמלק פארשטעלט ווי א שעפעלע, און וואס איז פונעם אייבערשטן, ער נעמט אראפ אלע שיינע פארשטעלאכצער, אלע כישוף, און ראטעוועט אונז פון עמלק און המן.

דער ראש ישיבה לערנט אונז אז מכבד זיין די ווייב און לעבן שיין אין שטוב איז אייבערשטער, דאס איז קדושה, נישט ח"ו

> זאכן וואס זעט אויס אזוי זיס און געשמאק, ווי אן אומשולדיגע שעפעלע, דאס איז שוין גארנישט אזא פשוט'ע שעפעלע אייזעלע קיעלע.

מצריים, און "ואת העשוי לכם במצרים" איז דאס פארקערטע פון דעם, דער ראש ישיבה לערנט אונז אז יעדע ווארט תורה וואס מ'לערנט, סיי אויב מ'פארשטייט יא אדער אויב מ'פארשטייט נישט - איז קדושה, איז אייבערשטער, אזוי אויך יעדעס ווארט וואס מ'רעדט צום אייבערשטן, אויף יעדע סארט וועג און פלאץ - איז קדושה, איז אייבערשטער, דער ראש ישיבה לערנט אונז אז יאוש, אויפגעבן - איז "ואת העשוי לכם במצרים", יאוש איז נישט פון די קדושה, פארקערט, זיך אויפהייבן נאכאמאל און נאכאמאל - דאס איז הייליג, דאס איז אייבערשטער, אפילו עס איז נישט לאגיש, און איז אסאך מאל זייער קורצזיכטיג אן א געהעריגע פלאן, אבער דאס איז די רצון ה', זיך אויפהייבן נאכאמאל און נאכאמאל און צוריק קומען צו אים.

*

נישט נאר עמלק פארשטעלט שלעכטס מיט שיינער פארשטעלאכצער, נאר ער פארשטעלט און באהאלט גאר די קדושה און דער צדיק וואס קען געבן א שיינע ערליכע ריינע לעבן, אזוי ווי דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט אין א בריוו: עמלק פארשטעלט דעם אמת'ן צדיק. דער צדיק וואס קען צוריק ברענגען יעדן איינעם צום אייבערשטן, אפילו מענטשן וואס זענען שוין זייער ווייט - פארשטעלט אים דער ס"ם אינגאנצן, עד כאן.

*

יעצט אין די צייט ווען מיר זענען מקיים די מצוה פון אויסמעקן עמלק איז א פאסיגע צייט זיך אויפצופרישן מיט די שיעורים און בריוון פונעם ראש ישיבה שליט"א, ווי דער ראש ישיבה לערנט אונז און אינדענטיפיצירט אונז וואס איז די ריכטיגע געשמאקע פרייליכע וועג צו לעבן מיטן אייבערשטן, די פרייליכע געשמאקע וועג אין לימוד התורה און קיום המצוות, און ווי דער ראש ישיבה היט אונז אפ פון אלע שעפעלע אויסזעענדיגע עמלק'ישע מצריי'שע פארשטעלאכצער, וועס קענען אונז ח"ו אוועקנעמען אונזער חיים טובים.

# וועלטעלע



## אמעריקאנער אמבאסאדאר קיין בעלגיע פארלאנגט אפצושטעלן די קלאגעס קעגן די אנטווערפענער מוהלים

א שארפע דיפלאמאטישע שטורעם האט אויסגעבראכן אין בעלגיע, נאכדעם וואס דער אמעריקאנער אמבאסאדאר אין דעם לאנד, ביל ווייט, האט אפן געפאדערט אין א מעלדונג אז די בעלגישע רעגירונג זאל שוין אפשטעלן די געריכטליכע פראצעדורן קעגן דריי מוהלים וואס ווערן באשולדיגט אין דורכפירן ברית מילה קעגן די ארטיגע געזעצן, וואס ער האט אנגערופן אלס "אנטיסעמיטיש".

אין זיין מעסעדזש האט דער אמבאסאדאר ארויסגעהויבן אז אנטיסעמיטיזם איז "אומאקצעפטירבאר אין סיי וועלכע פארעם" און האט געבעטן בעלגיע "צו טון א פיל בעסערע ארבעט אויף דעם ענין". ער האט ספעציפיש פארלאנגט אז די קלאגעס קעגן די דריי מוהלים אין אנטווערפן זאלן ווערן אפגעווארפן, אונטערשטרייכנדיג אז זיי טוען בסך הכל דאס וואס אידן טוען שוין טויזנטער יארן. ער האט ווייטער געשריבן אז ער פלאנט צו באזוכן אין אנטווערפן קומענדיגע וואך זיך צו טרעפן מיט די מוהלים און זייערע משפחות, און ער האט גערופן דעם בעלגישן העלט מיניסטער, פרענק וואנדענברוקע, אז ער זאל מיטקומען מיט אים.

די דאזיגע פרשה ציט זיך שוין איבער א יאר צייט. לויטן בעלגישן געזעץ מעג נאר א לייסענסד דאקטאר דורכפירן ברית'ן, און אלס רעזולטאט זענען היימישע מוהלים אונטער אינוועסטיגעשאנס. די היימישע קהילה אין אנטווערפן האט חלילה נישט אויפגעהערט צו פראקטיצירן די מצוה פון ברית מילה, אבער עס ווערט געטון מיט גרויס פארזיכטיגקייט. מ'פובליצירט נישט קיין שום צעטלעך אדער מודעות וואו און ווען די ברית'ן קומען פאר, כדי מ'זאל עס נישט קענען נאכגיין. די מוהלים אליין פרובירן אויך צו זיין זייער געווארנט, זאגנדיג אז מ'קען קיינמאל נישט וויסן צי מ'האלט אן אויג אויף זיי.

אין א שארפן מעסעדזש האט דער אמעריקאנער אמבאסאדאר אראפגעריסן די גאנצע מעשה אלס אנטיסעמיטיזם, און ער האט געפאדערט פונעם בעלגישן געזונטהייט מיניסטער, פראנק וואנדענברוקע, אז ער זאל תיכף ומיד אפשטעלן די געריכט פראצעדורן. דער אמבאסאדאר האט קלאר געשטעלט אז ער האט פערזענליך גערעדט מיטן מיניסטער דערוועגן, אבער אן קיין שום הצלחה.

די דאזיגע ווערטער האבן ארויסגערופן א שטורעם ביי די בעלגישע פאליטיקאנטן. אלע האבן אראפגעריסן דעם אמבאסאדאר פארן זיך "אריינמישן אין אינערליכע ענינים", בפרט ביי א זאך וואס ליגט יעצט אין געריכט. זיי האבן געטענה'ט אז אין בעלגיע איז דא א פולשטענדיגע טיילונג צווישן פאליטיק און דאס געריכט, און א פרעמדער דיפלאמאט האט נישט קיין שום רעכט זיך אריינצומישן אדער פרובירן משפיע צו זיין אויף א פסק פון א ריכטער.

בעלגיע איז שוין יארן באקאנט מיט אירע ליבעראלע געזעצן, אין געוויסע טיילן פון בעלגיע, אריינגערעכנט די אנטווערפענער געגנט, איז שחיטה געזעצליך פארבאטן געווארן, וואס דאס האט געפירט דערצו אז מ'מוז אימפארטירן כשר'ע פלייש קיין אנטווערפן פון אויסלאנד. דאך לאזן זיך אידן נישט אפשרעקן פון די דאזיגע גזירות און אורטיילן. מיר טוען דעם רצון השם פאר יעדן פרייז, און מיר וועלן ווייטער ממשיך זיין צו היטן די מצוות מיט מסירות נפש, נישט קוקנדיג אויף די אלע שוועריגקייטן.

וועלטליכע נייעס
מיט די ברסלב'ע
טעם

**גרשון קרעמער**




## קאנגרעס פירט דורך געזעץ וואס פארלאנגט "איי-די" ביים וויילן

אין די לעצטע טעג האט דער אמעריקאנער קאנגרעס, וואס ווערט קאנטראלירט דורך די רעפובליקאנער, דורכגעפירט מיט א שמאלע מערהייט א נייע רעגולאציע איבער די רעכטן פון וויילן.

לויט דעם פארשלאג וועלן אמעריקאנער בירגער מוזן אויפווייזן אז זיי זענען בירגער, סיי ווען זיי רעגיסטרירן זיך צו שטימען און סיי ווען זיי גייען אפגעבן זייער שטימע ביי פעדעראלע וואלן. דער ביל, באקאנט אלס די "סעיוו אמעריקע אקט", איז אריבער אינעם הויז מיט 218 שטימען קעגן 213, מערסטנס לויט די פארטייאישע ליניעס.

אויב דאס געזעץ וועט דורכגיין ביז'ן סוף, וועט עס פארלאנגען פון יעדן איינעם וואס רעגיסטרירט זיך צו שטימען ביי פעדעראלע וואלן אויפצואווייזן מיט דאקומענטן אז ער איז א לעגאלער בירגער. דאס געזעץ וועט אויך מחייב זיין וויילער צו ווייזן א בילד "איי-די" ביים שטים-בודקע. אזוי אויך הייסט דאס געזעץ פאר די סטעיטס איבערצוגיין די וויילער ליסטעס צו פארזיכערן אז אומלעגאלע זענען נישט דארט, און עס וועט פארשטערקערן פעדעראלע אויפזיכט אויף די סטעיט רעגיסטראציע ליסטעס.

די שטיצער פונעם געזעץ טענה'ן אז דאס וועט פארשטערקערן די באגלייבטקייט פון די וואלן און וועט צוריקהאלטן אומלעגאלע פון זיך רעגיסטרירן און וויילן.

פון דער אנדערער זייט טענה'ן די קעגנער אז דאס וועט מאכן שווער פאר מיליאנען מענטשן און וועט צוריקהאלטן בארעכטיגטע וויילער פון ארויסגיין שטימען צוליב די פילע שוועריגקייטן וואס דאס וועט גורם זיין.

וואס עס וועט למעשה בלייבן פון דעם דאזיגן געזעץ, צי עס וועט דורכגיין דעם סענאט צי נישט, איז נאך דערווייל נישט קלאר, אבער מיר דא דארפן זיך נישט זארגן. מיר זענען דאך אלע לעגאלע סיטיזענס, אידישע קינדער פון אידישע עלטערן, וואס דאס גיט אונז די פולע רעכט צו גיין שטימען, אויפצוהויבן אונזער שטימע און לאזן הערן אונזער געשריי.

מיר וועלן אויסנוצן אונזערע רעכטן און ארויסגיין יעדן טאג אויף א שפאציר, רעדן מיט אונזער טאטע וואס ווארט צו הערן פון אונז, און זיך אויסגיסן דאס הארץ און אים דערציילן אלעס וואס דריקט אונז. מיר וועלן אים דאנקען פאר אלע זיינע חסדים, דורכשמועסן מיט אים אונזערע ספיקות, און אים בעטן ער זאל אונז העלפן און מיטגיין מיט אונז וואו אימער מיר גייען.

קודם כל און איבער אלעס וועלן מיר אים דאנקען פאר'ן זיין געבוירן צו אידישע עלטערן און פאר'ן באקומען אן ערליכע אידישע חינוך. מען האט אונז געלערנט פון גאר יונג אן איבער אמונה, שבת, דאווענען און אלעס וואס א איד דארף וויסן. בשעת מיר האבן פונקט אזוי געקענט געבוירן ווערן ביי א גוי, און אפילו אויב מיר וואלטן דאן געהאט די זכיה זיך צו געוואויר ווערן פון די הייליגע אמונה, וואלטן מיר געמוזט דורכגיין א גאר שווערן און קאמפליצירטן וועג זיך אנצושליסן אינעם עם הנבחר.

און דערנאך אז מיר האבן געטראפן א רבי וואס פארשטייט אונז, א צדיק וואס רעדט דירעקט צו אונזער דור, און האט עצות פאר די היינטיגע שוועריקייטן, און מיר קריגן נישט אויף אים.

***ברוך הוא אלקינו שבראנו לכבודו***

# אידענו

## קליידער געשעפט אנווייזונגען

מיטן אייבערשטנ'ס הילף גרייטן מיר זיך צו סערווירן אנשי שלומינו אין די ערב פסח טעג מיט א הערליכע אויסוואל פון זומער'דיגע קליידער פאר די גאנצע משפחה. עס איז שוין יעצט ארויסגעלייגט פילע racks פון שיינע זומער זאכן און מיר וועלן בעזרת השם ארויסלייגן פרישע קליידער אפאר מאל א וואך.

מיר דאנקען די קאאפעראציע פון אנשי שלומינו צו קענען צושטעלן אויפן בעסטן אופן, מיט'ן ארבעטן צוזאמען וועט עס אי"ה מצליח זיין.

1) **וועלכע זאכן צו שיקן?** עפעס וואס איר האט געקויפט און ס'איז נישט אויסגעקומען צו ניצן אדער מ'האט עס געניצט 2-3 מאל און ס'איז אויסגעוואקסן, אזעלכע זאכן קען מען שיקן, אבער עפעס וואס איר האט גוט געניצט א גאנצע סעזאן ב"ה איז ענדערש ארויס צוואווארפן. שיך איז די זעלבע זאך נאר אויב ס'איז ניי אדער געניצט 2-3 מאל קען מען עס שיקן.

2) זאכן וואס זענען נישט קיין קליידער קען מען שיקן ביז בערך די גרויס פון 10X10 אינטשעס, נישט קיין קאר סיט, טשילארס, אדער אנדערע גרויסע זאכן.

3) גלאזערנע זאכן איז נישט כדאי צו שיקן, עס ווערט אסאך מאל צובראכן. אנדערע כלים זאל מען אויפשרייבן מילכיג אדער פליישיג.

4) פון פורים ביז פסח וועט מען אי"ה אראפלייגן די זאכן ביי א אנדערע לאקאציע, פאלגט נאך ווייטערדיגע מעלדונג. מ'זאל פרובירן צו לייגן ווי מער מסודר אויף איין זייט אלע בעגס און איין פלאץ אלע באקסעס געלייגט ווי מער מסודר'דיג אין piles. די בעסטע איז צו שיקן אין לעמאנעיד סייז באקסעס.

5) יעדע זאך זאל זיין שטארק און גוט פארקלעבט און פארשטייט זיך אז מ'קען נישט עפענען עפעס וואס א צווייטער האט געשיקט. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אין פריערדיגע יארן אז אפענע באקסעס זענען מערסטנס אנגעקומען אין מיסט צוליב דעם וואס עס האט זיך אויסגעגאסן און געווארן שמוציג, איז ענדערש נישט צו שיקן, אדערווארטן אויף א געלעגנהייט איר זאלט האבן צייט עס געהעריג צאמפאקן.

6) ביים איינקויפן אינעם געשעפט זאל מען צוריקלייגן זאכן אויפן פלאץ און אכטונג געבן אז קינדער זאלן נישט שפילן מיט זאכן וואס די וואלונטירן האבן געארבעט שווער צו אויסשטעלן שיין צום פארקויפן, אזוי וועלן די וואלונטירן קענען ניצן זייער צייט ארויס צושטעלן נאך שיינע זאכן.

7) הענגערס זאל מען איבערלאזן אין געשעפט אויפן דעזיגנירטן rack. אויב האט איר בטעות אהיימגענומען זאל מען עס צוריקשיקן כדי צו קענען ווייטער סערווירן דעם ציבור.

א גרויסן יישר כח פאר די אלע וואס שטעלן זיך צו צו די אויבנדערמאנטע נקודות און העלפן מיט דעם אז די קליידער געשעפט זאל אנגיין מיט גרויס הצלחה.

א גרויסן יישר כח פאר די טייערע וואלונטירן פאר'ן טוען אזא גוטע ארבעט אפילו ווען ס'ווערט אביסל שווערער צו אוועקגעבן צייט בפרט אין די ערב פסח טעג.

## באזוך אין אלבאני

פארגאנגענע דינסטאג פרשת משפטים זענען די חברי הנהלה מו"ה מרדכי אהרן היילפרין הי"ו און מו"ה מנחם

**חברי הנהלה**

שטיינבערג הי"ו ארויסגעפארן צום הויפטשטאט פון ניו יארק סטעיט, אלבאני.

נאכן פארן פאר בערך צוויי שעה איז מען אנגעקומען צום בנין ווי עס געפונען זיך די אפיסעס פון די אסעמבלילייט און סטעיט סענאטארן, בעיקר האט מען גערעדט צו עטליכע הויכראנגיגע געזעצגעבער איבער די טראנספארטאציע ביל וואס די הנהלה זוכט אדורכצופירן, וואס וועט גיבן געלט פאר די מוסד'ס טראנספארטאציע קאסטן.

מען האט זיך געטראפן מיט מו"ה שמחה אייכענשטיין הי"ו דער אסעמבלימאן פון בארא פארק, אזוי אויך מיט דער אסעמבלימאן פון וויליאמסבורג, סאלאזאר. אזוי אויך מיטן לאקאלן אסעמבליפרוי מרת קעי. צו פרובירן פועל'ן ביי זיי אז מען זאל שטופן דעם ביל פאראויס.

ווען מען האט אנגעפרעגט דער ראש ישיבה שליט"א אויב מען זאל זיך ארויסלאזן קיין אלבאני בלויז אויף זיך צו טרעפן מיט געזעצגעבער אן קיין געפלאנטע זיצונגען, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז מען דארף נישט אויפטון, מען קען קיינמאל נישט וויסן וואס עס קען זיין און וועם מען קען פונקט אנטרעפן. און טאקע ברוך השם אזוי האט זיך ארויסגעשטעלט, מען איז אנגעקומען אן קיין באשטימטע פלענער, און מען איז אנגעקומען צו וועם עס איז געווען באשערט.

די הנהלה בעט פון אלע אנשי שלומינו מען זאל מתפלל זיין אז דער ביל, וואס קען ברענגען אסאך געלט פאר די מוסד און וועט מיטן אייבערשטנ'ס הילף דעקן די טראנספארטאציע וואס איז איינס פון די גרעסטע הוצאות פון די מוסד, זאל אדורכגיין בקרוב.

## איבערמאכן קאמפריהענסיוו פלאן

די חברי הנהלה מו"ה מנחם שטיינבערג הי"ו און מו"ה מרדכי אהרן היילפרין הי"ו זענען פארגאנגענע וואך געווען ביים ערשטן זיצונג צו איבערמאכן די קאמפריהענסיוו פלאן (Comprehensive Plan) פאר די טאון אוו ליבערטי.

דער קאמפריהענסיוו פלאן, וועלכער איז א לאנג טערמיניגער פלאן וואס ווערט אויסגעשטעלט פאר יעדע געגנט באזונדער, דורך די מיטגלידער פון די לאקאלע באורדס, נעמט אריין האוזינג, טרעפיק, ביזנעס, און אזוי ווייטער פאר די געגנט פון ליבערטי.

צוזאמען מיט די פלענער ווי אזוי מען וויל ליבערטי זאל אויסקוקן, לייגט מען צו לאנגע ליסטעס פון געדאנקען ווי אזוי מען גייט אנקומען צו די אלע צילן.

דאס איבערמאכן די פלענער איז א גרויסע טובה פאר די קהילה, נאכדעם וואס די אלטע פלענער זענען געשריבן געווארן אן אריינרעכענען אז עס וועלן זיך באזעצן אין די געגנט אידישע קינדער, און אלס רעזולטאט זענען די פלענער נישט געווען אויסגעשטעלט צו ארויסהעלפן די אידן. יעצט אז מען שרייבט איבער די פלענער קען מען אריינעמען אין באטראכט אלע די אידישע אינפארסטורקטור און עס ארייענלייגן אלס איינע פון די פלענער.

דער זיצונג איז געווען בלויז דער ערשטער פון פילע זיצונגען וואס וועלן נאכפאלגן אי"ה.

## הכרת הטוב פארן שניי שארער

אפאר וואכן צוריק איז ווי באקאנט פארגעקומען א פייער

<

אין שטעטל, די אידישע פייערלעשער וואס זענען אנגעשלאסן אין די לאקאלע פייער דעפארטמענט האבן רעאגירט אין זייער א שנעלע צייט און באהאנדלט די סיטואציע מיטן אידישן קאפ, וואס אן דעם וואלט לכאורה די שאדנס פון די פייער געווען פילפאכיג מער.

דער אייבערשטער האט צוגעפירט בדרך נס, אז דער שניי שארער טראק וואס איז באשטימט פאר די ליבערטי געגנט, איז פונקט אדורך געפארן דעם הויז וואס האט געברענט, און געזען רויעך ארויסקומען פון די פענסטערס. דער דרייווער, וואס איז א פייערלעשער אין אן אנדערע געגנט אין אפסטעיט איז שנעל צוגעלאפן צום הויז און געהאלפן די משפחה ארויסגיין פון די ברענעדיגע הויז אן קיין שום סכנה.

די חברי הנהלה האבן אנגעגרייט פארן פייערלעשער א ספעציעלע פלעק אינאיינעם מיט א גיפט קארד צו א לאקאלע געשעפט אלס מתנה פאר זיין ארבעט, מען האט געמאכט א ספעציעלע צערעמאניע ביי די פארגאנגענע טאון באורד זיצונג צו באדאנקן דעם פייערלעשער און אים שענקן די מתנה.




**Certificate of Appreciation**

Presented to

**Steve Schroeder**

In heartfelt recognition of extraordinary courage, selflessness, and dedication to human life.

While serving with the Liberty Highway Department and acting without hesitation during a life-threatening emergency, Mr. Schroeder placed himself in harm's way amid heavy smoke and active flames to rescue a mother and her two children through a window—actions that directly saved their lives.

This heroic act reflects the highest ideals of public service, bravery, and compassion. Your decisive actions stand as an inspiration to our entire community.

Presented with sincere appreciation by

*Abraham Mizrahi*
*Manny Steinberg*
*Ari Halpern*
*Isaac Indig*
*Moshe Rosenberg*

On behalf of the Liberty Jewish Community

181 Huschke Rd. Hurleyville NY 12747 · kiryasbreslevliberty@gmail.com · 845-640-4024

1/1

**גאר וויכטיג צו דערמאנען, סיי וועלכע געלט מען לייגט אריין אין די פערזענליכע באנק אקאונט, ווערט פאררעכנט לויט די שטאט אלס אינקאם.**

**און אויב האט איר סיי וועלכע פראגראמען פון די שטאט דארף מען עס לעגאל באריכטן, און עס האט אן אפעקט אויף וויפיל געלט מען באקומט פון די פראגראמען.**

**אין דעם איז אריינגערעכנט סיי וועלכע קוויק פעי אדער טשעק אפילו פון א קליינע סכום.**

**"מכלל הן אתה שומע לאו"**

## מודעות והערות

# בית האופה קרית ברסלב ליבערטי

## בעזהשי"ת

**מיטן אייבערשטערס הילף האט מען שוין אנגעהויבן באקן מצות לכבוד פסח הבעל"ט, די מצות פונעם בעקעריי זענען שוין ב"ה ברייט באקאנט אלס געשמאק אין טעם און מהודר מיט די גרעסטע חומרות, געבאקן דורך אנשי שלומינו אינטער די שטרענגע אויפזוכט פונעם דיין שליט"א.**

**צוליב די גרויסע פארלאנג פון אנשי שלומינו צו באקומען פון די מצות, האבן מיר געמאכט א דעדליין צו באשטעלן מצות ביז דאנערשטאג כי תשא.**

**ביטע נעמט אינאכט אז מיר האבן אנגעהויבן די יאר שפעטער און עס וועט זיין ווייניגער מצות.**

**עס איז דא צו באקומען:**

- **געהעריגע מצות**
- **ספעלט מצות (spelt)**
- **האלוויד (wholewheat) (נייע אייטעם)**
- **נשרפים**
- **נייע חידוש: 'לחם משנה' מצות, וואס איז ספעציעל אביסל קלענער און דיקער כדי עס זאל זיך האלטן גאנץ אי"ה.**
- **געהעריגע מצה מעל (האלבע אדער גאנצע פונט)**
- **ספעלט מצה מעל (האלבע אדער גאנצע פונט)**
- **האלוויד מצה מעל (האלבע אדער גאנצע פונט)**

**מען קען באשטעלן דורך רופן\טעקסטן די אפיס אויף 845-539-0018 אדער מיטן שיקן אן אימעיל צו breslevbakery@gmail.com**

**כדי אייער ארדער זאל ווערן באשטעטיגט דארף כאטש א דריטל זיין שברים.**

**ווען איר נעמט שברים, באקומט איר דינערע מצות.**

### הנהלת בית האופה

# אלץ און אלעמען



## וויאזוי פארן ספעיס שיפ

**שאלה**

איך האב געזען וואס איר האט געשריבן איבער סעטעליייטס, עס איז געווען זייער אינטערעסאנט.
איך האב א שאלה ספעציפיש איבער סאטעליטן, און בכלל איבער אלע זאכן וואס פליען ארום אין די "ספעיס" (חלל).
דא ביי אונז אויף דער וועלט פארשטייען מיר וויאזוי זאכן רוקן זיך. א קאר פארט דורך דעם כח פון די עקספלאזשענס אינעם ענדזשין, דאס דרייט די רעדער, און די גרעוויטי האלט די קאר אויף דער ערד. אן עראפלאן האלט זיך אויף די פליגלען, און דער ענדזשין שטופט עס פאראויס.
אבער וויאזוי קען זיך א סאטעליט רירן און דרייען אין ספעיס, דארט ווי עס איז נישטא קיין לופט?
יישר כח,

א. ליינער

**ענטפער**

דאס איז טאקע א זייער גוטע שאלה. דער סיבה פארוואס עס איז אונז שווער צו באגרייפן וויאזוי דאס ארבעט, איז ווייל מיר לעבן דא אין אן אטמאספערע וואס איז פול מיט לופט, און מיר האבן נאך קיינמאל נישט געהאט קיין לופטלאזע עקספיריענס דא אויף אונזער וועלטל.

בקיצור איז דער תירוץ: מען דארף נישט קיין לופט כדי זיך צו קענען רירן. יעדע פעולה וואס שטופט, שטופט איןביידע ריכטונגען.

ווען מ'שטופט א זאך פאראויס, שטופט מען זיך אליינס צוריקצוווועגס. מ'קען דאס זען זייער קלאר ביים גיין; מ'קען נאר מאכן א טריט פאראויס דורך דעם וואס מ'שטופט דעם פוס צוריקצוווועגס. אזוי האט דער אייבערשטער באשאפן די וועלט.

א סאטעליט אדער א ראקעט פונקציאנירט אינגאנצן אנדערש ווי א פליגער. ער שטופט נישט קיין לופט; ער פארמאגט קליינע מאטארן וואס פארברענען ברענשטאף. ווען מען וויל א ספעיס-שיף זאל זיך רוקן צו א געוויסע ריכטונג, צינדט מען אן דעם מאטאר פונעם "טראסטער", וואס דאס שטופט ארויס גאזן אויף די פונקט פארקערטע זייט פון וואו מען וויל עס שטופן.

דאס זעלבע איז ווען מען וויל זיך אויסדרייען אדער טוישן די ריכטונג: מען צינדט אן דעם מאטאר פון די פארקערטע זייט פון דעם געוואונטשענעם דריי. אבער דארט אין "ספעיס" זענען דא נאך זאכן וואס זענען אנדערש ווי דא ביי אונז. דא, ווען מען שטופט אדער מען דרייט עפעס און מען הערט אויף, וועט עס ביסלעכווייז פארלירן דעם שוואונג און זיך צוביסלעך אפשטעלן. אין ספעיס אבער, וועט עס אנהאלטן דעם זעלבן גאנג און ווייטער פארן אדער זיך דרייען אן אויפהער, ביז ווילאנג מען טוט נישט עפעס א פעולה עס אפצושטעלן.

עס מאכט זיך אפט ווען א מענטש טרעפט א צדיק און ער פרישט זיך אויף צו דינען דעם אייבערשטן, קען צומאל פאסירן אז ער שפירט ווי ער פאלט צוריק, און ער פארשטייט נישט וואס דא גייט פאר. קודם האט מען געשפירט א געוואלדיגע קרבת אלוקים, מ'הויבט אן צו שפירן דעם אויבערשטן, אבער פלוצלינג פילט מען זיך אינגאנצן "אויסגעלאשן". א מענטש קען ווערן זייער צומישט פון אזא מצב.

דער הייליגער רבי שרייבט דערוועגן אין ליקוטי מוהר"ן, אין א קליינע תורה, תורה רס"א: "כְּשֶׁנּוֹפֵל אָדָם מִמַּדְרֵגָתוֹ, יֵדַע

גרשון קרעמער

שֶׁמִּן הַשָּׁמַיִם הוּא, כִּי הִתְרַחֲקוּת - תְּחִלַּת הִתְקָרְבוּת, עַל־כֵּן נָפַל, שֶׁיִּתְעוֹרֵר יוֹתֵר לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. וַעֲצָתוֹ - שֶׁיַּתְחִיל מֵחָדָשׁ לִכָּנֵס בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, כְּאִלּוּ לֹא הִתְחִיל עֲדַיִן כְּלָל מֵעוֹלָם. וְזֶה כְּלָל גָּדוֹל בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, שֶׁצְּרִיכִין מַמָּשׁ בְּכָל יוֹם לְהַתְחִיל מֵחָדָשׁ". ווען א מענטש שפירט אז ער פאלט חלילה, זאל ער וויסן אז דאס קומט אויך פונעם באשעפער. ווייל טאקע די דערווייטערונג ברענגט אים נענטער, און דאס איז די גאנצע סיבה פארוואס ער איז אראפגעפאלן, כדי עס זאל אים אויפוועקן צוריקצוקומען צום אייבערשטן, און אויפפרישן זיין עבודת השם כאילו ער הייבט יעצט אן דינען דעם באשעפער צום ערשטן מאל. ווייל דאס איז א גרויסער יסוד אין עבודת השם, אז מ'מוז באמת אנהייבן יעדן איינציגן טאג פון פריש.

דא ביי אונז אויף די גשמיות'דיגע וועלט, דארפן מיר כסדר באקומען פרישע "גאז" און א פרישן "שטופ". מיר דארפן האבן א צדיק און גוטע חברים וואס זאלן אונז שטענדיג דערמאנען מה חובתינו בעולמנו, און נאר אזוי קענען מיר זיך האלטן און פארן ווייטער אינעם ריכטיגן וועג בסייעתא דשמיא.



## חובות פון די רעגירונג

**שאלה**

איך בין א 16 יעריגער בחור. מיר האבן זיך לעצטנס אריבערגעצויגן פון לאנדאן צו די "גאלדענע אמעריקע". איך האב דא אנגעהויבן הערן די שיעורים פון ראש ישיבה שליט"א, און איך האב זייער הנאה דערפון.

אבער פון דער אנדערער זייט, הער איך לעצטנס אז אמעריקע איז גארנישט אזוי גאלד ווי איך האב געמיינט. איך הער אז די אמעריקאנער רעגירונג איז שולדיג טריליאנען דאלארן. איך ווייס נישט פונקטליך וויפיל, אבער ס'איז פיל מער וויפיל די גאווערמענט וועט נאר אמאל קענען באצאלן... וואס מיינט דאס? ווען וועלן זיי דאס אמאל קענען אויסצאלן? איך וואוין אין א לאנד וואס איז אזויפיל שולדיג; איז דא בכלל עפעס א פלאן? וועלן מיר אמאל ארויסגיין פון די אלע שווערע חובות איידער די עקאנאמיע גייט קראכן? איך קען ממש נישט שלאפן ביינאכט פאר דאגה, ביטע ענטפערט מיר.

דאס וואס דו שרייבסט אז דו האסט שלאפלאזע נעכט, בין איך גראדע נישט באזארגט. אז דו הערסט די שיעורים פון ראש ישיבה שליט"א, וועסטו שוין גאנץ שנעל זען אז ס'איז גארנישט דא וואס צו מורא האבן.

אויך האב איך פאר דיר גוטע נייעס: נישט איך און נישט דו וואוינען אין אמעריקע. וואו יא? דו וואוינסט ביי דיר אינדרהיים. אויב דו וועסט נישט אויסהערן קיין העדליינס און נישט ליינען קיין צייטונגען, וועסטו מער נישט זיין באזארגט איבער אמעריקע.

אבער דאס וואס דו פרעגסט וועגן חובות, דאס איז טאקע א שטארקע דאגה. אדרבה, העלף מיר ארויס, ווייל איך אליין האב אויך ריזיגע חובות, און איך זע נישט קיין וועג בדרך הטבע וויאזוי איך זאל דאס אמאל קענען באצאלן אין מיין לעבן. איך האב אויגן, ב"ה איך קען זען. איך האב הענט, איך קען טאפן און שפירן. איך האב פיס, איך קען גיין. מיר האבן אזויפיל גוטס פונעם אייבערשטן; מיר זענען אזויפיל שולדיג. מיר האבן ריזיגע חובות. דאס זענען חובות וואס מיר קענען קיינמאל נישט באצאלן.

לגבי די רעגירונג'ס חובות: ביי די רעגירונגען איז דא א באשטימטע צייט ווען יעדער חוב מוז באצאלט ווערן. אויב א רעגירונג האט נישט גענוג געלט, בארגט זי דאן פון פריש צו באצאלן די אלטע חובות. דאס איז א סיסטעם וואס אלע גרויסע לענדער ניצן. איז דאס דען נארמאל? ניין, ס'איז בכלל נישט געזונט צו לעבן אויף חובות. אבער, דער באשעפער פירט די וועלט.

אויב דו דאוונסט און יעדן טאג באצאלסטו אפ א קליינע טראפ פון דיינע חובות צום באשעפער דורך רעדן צו אים און אים דאנקען, וועט דער אייבערשטער דיר העלפן אז דו וועסט האבן פרנסה, און דו וועסט קיינעם גארנישט שולדיג זיין.

האסט איר א שאלה?
שיקט 13: 845-445-7447 – alemen@bletelmagazine.com



# פשרה'לאך

**אין קורצן פון פריער:** *ר' יעקב יוסף הערמאן קומט אן קיין אמעריקע, טרעפט א גוט שידוך פון משפחת אנדראן.*

*זיין טיר איז געווען אפען פאר יעדן גאסט. אסאך גדולים זענען איינגעשטאנען ביי אים במשך די יארן ווי פארציילט די לעצטע פאר וואכן.*

**און יעצט ליינט ווייטער.**

אז מען ליינט פון דער ברייטער הכנסת אורחים לאזט זיך טראכטן אז די הערמאן משפחה איז געווען מסודר מיט פרנסה. אין אנהייב נאך דער חתונה איז דאך רבי יעקב יוסף געווען זייער פארמעגליך, ממילא אז עס איז דא קמח איז דא תורה, אז מען האט דאס געלט קען מען פירן אזא ברייטהארציגע הכנסת אורחים.

אבער דאס איז זייער ווייט פון אמת. רבי יעקב יוסף'ס געשעפטן האבן זיך נישט אפגעשטעלט ביי הכנסת אורחים. ער איז געווען פארמישט און בראש פון יעדן דבר שבקדושה אין יענע יארן פון יהדות ניו יארק, וואס דאס האט געפירט דערצו אז ער האט שטארק פארנאכלעסיגט זיינע געשעפטן.

אויך איז דאן געווען די תקופה פון די "סטאק מארקעט קרעש" (בערזע קראך) און די "גרעיט דיפרעשין" - א שווערע פינאנציעלע לאגע אין אמעריקע וואס האט אויסגעטריקנט די בערזלער פון די בערזע און פון דער אמעריקאנער באפעלקערונג.

רבי יעקב יוסף האט געהאט צייטן ווען ער האט נישט געהאט א פרוטה אין טאש. אין יענע טעג פלעגט ער אפשפארן דאס ביסל פון מויל, כדי ער זאל קענען דעקן די הוצאות פון הכנסת אורחים און שבת. ער האט ממש אוועקגעגעבן זיין ביסל פאר א צווייטן איד.

איין וואך פרייטאג נאכמיטאג האט מרת הערמאן באמערקט אז זי האט זיך פארערעכנט מיט די חלות און זי האט נישט גענוג חלות אויף שבת. זי איז געווארן זייער באזארגט. קויפן חלות אין דער בעקערריי קאסט דאך אסאך געלט און זי ווייסט אז זיי האבן נישט קיין איבעריגן דאלאר.

אבער רבי יעקב יוסף האט איר געזאגט אז זי זאל זיך נישט זארגן. א איד טוט און דער אייבערשטער העלפט שוין.

רבי יעקב יוסף האט זיך ארויסגעלאזט צו דער בעקעריי. "זענען נאך פארבליבן עפעס חלות?" האט ער זיך אינטערעסירט.

"ר' יעקב יוסף," האט דער בעל הבית פון געשעפט געענטפערט, "איר זענט א בר מזל!" עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז איינער האט באשטעלט א ריזיגע חלה פאר א ברית סעודה, אבער יענער איז צום סוף נישט געקומען עס אפנעמען. און אזיווי עס איז שוין אזוי נאנט צו שבת, האט ער נישט געהאט וואס צו טון דערמיט און איז מסכים געווען עס צו פארקויפן פאר רבי יעקב יוסף פאר די פאר פרוטות וואס ער האט געהאט אין טאש.

מיט שמחה האט ער אהיימגעברענגט די גרויסע מלכות'דיגע חלה וואס דער באשעפער האט אים שוין צוגעגרייט פון פאראויס פאר די שבת המלכה!

די מצב הפרנסה איז נאר געווארן שווערער און שווערער. אפילו דער גרויסער שטארקער רבי יעקב יוסף האט אנגעהויבן אונטערצוברעכן. איין נאכט האט זיין ווייב באמערקט אז ער קען נישט




איינשלאפן.

"יעקב יוסף," האט זי געפרעגט איר מאן, "וואס גייט פאר?" זי האט נישט דערקענט איר מאן. איר היילιגער מאן איז קיינמאל נישט געווען באזארגט פאר גשמיות'דיגע זאכן. ער איז נאר געווען אנגעשטרענגט ווען עפעס האט זיך געהאנדלט פון שמירת תורה ומצוות.

"איך פארשטיי נישט פארוואס דו ביסט צוטראגן," האט זי געזאגט מיט א ווייכע שטימע, "עס איז אמת אז מיר האבן פארלוירן אסאך געלט און דערצו גייט די ביזנעס זייער שווער. אבער וואס האסטו אלעמאל געטון מיט דיין געלט? דיין געלט איז דאך נאר געגאנגען פאר צדקה, פאר מצוות און פאר הכנסת אורחים. האבן מיר דען פארנוצט אונזער געלט אויף הבלי עולם הזה? האבן מיר דען גענוצט אונזער געלט צו באפוצן אונזער דירה? מיר פארמאגן ניטאמאל הייצונג אין די דירה. מיר האבן נישט קיין טייערע מעבל. מיר גייען דאך נישט אויף וואקאציעס. אויב דער אייבערשטער וויל אז מיר זאלן פארזעצן מיט אונזערע מצוות וועט ער שוין העלפן. איז פארוואס דארפן מיר זיך זארגן? און אפילו מיט עסן און רענט וועט דער אייבערשטער אונז נישט פארלאזן."

אירע פשוט'ע ריינע רייד פון אמונה האבן באוויזן צו שטארקן רבי יעקב יוסף, וועלכער איז גלייך איינגעשלאפן אין א רואיגן און זארגלאזן שלאף.

די מצב איז אבער געווארן נאך שווערער. עס איז נישט געווען קיין געלט צו ברענגען עסן אין שטוב. איין טאג האט מרת הערמאן זיך אוועקגעזעצט מיט איר מאן און געזאגט מיט טרערן אין די אויגן, "וויאזוי קענען מיר ווייטער איינלאדענען געסט, ווען מיר זינקען אלץ טיפער און טיפער אין חובות און מיר האבן נישט געלט איינצוקויפן די טעגליכע געברויכן?"

רבי יעקב יוסף איז געזעסן איינגעהילט אין א שטילקייט. א מינע פון צער איז געווען אויסגעגאסן אויף זיין געווענליך ליכטיגן פנים.

"איך מיין אז דו ביסט גערעכט," האט ער צום סוף טרויעריג געזאגט, "איך וועל דעם שבת מודיע זיין פאר די געסט אז דערווייל קענען מיר נישט לאדענען קיינעם."

א טרויעריגע אטמאספער האט זיך אראפגעלאזט אין שטוב. א שבת אן געסט? ווי אזוי איז אזא זאך דען מעגליך?

איידל הערמאן האט זיך יענע וואך געשטעלט קאכן א קליינע שבת, מיט א שווערע געמיט און מיט א תפילה אויף אירע ליפן אז זיי זאלן ווייטער זוכה זיין צו די גרויסע מצוה.

אינמיטן די הכנות הערט זי פלוצלינג א קלאפ אין טיר. אן איד שטייט דארט.

"א גוטן, איז דאס משפחת הערמאן, וואו מען קען קומען עסן שבת?"

איידל האט געענטפערט אן טראכטן, ווי אויטאמאטיש, אן ענטפער וואס זי איז געווען צוגעוואוינט שוין פאר יארן לאנג, "יא, און איר זענט געלאדנט צו קומען עסן צו אונז שבת."

א מינוט דערויף האט זי זיך געכאפט אז אייגנטליך האבן זיי אפגעמאכט אז מען נעמט נישט קיין געסט די וואך. איידל האט באשלאסן יענע מינוט אז דער גאסט איז געווען א שליח פון הימל איר צו דערמאנען אז זיי זאלן נישט אויפגעבן די גרויסע מצוה אפילו נישט צייטווייליג און זיכער נישט צוליב א דאגה פון געלט.

יענע שבת האט משפחת הערמאן געהאט זייערע קביעות'דיגע אורחים ביים טיש. אינטערעסאנט איז אז יענער איד וואס האט אריינגעקלאפט צו זיי אין שטוב, איז נישט אנגעקומען. ער האט שוין אויסגעפירט זיין שליחות, צו ערמעגליכן די 'הערמאן הכנסת אורחים ביזנעס' זאל ווייטער גיין.

דאס איז געווען דאס לעצטע מאל וואס די מחשבה פון אפשטעלן די הכנסת אורחים איז זיי אויפגעקומען אין געדאנק.

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*

# פורים איז גרעסער פון יום כיפור




**בעזרת השם יתברך – יום ד׳ פרשת ויקרא, ו׳ אדר ב׳, שנת תשע״ו**

**לכבוד ... נרו יאיר**

מיר שטייען יעצט בעפאר דעם הייליגן יום טוב פורים; מוהרא״ש ז״ל פלעגט יעדעס יאר איבער חזר׳ן וואס עס שטייט אין תיקוני זוהר (תיקון כא, נז:): **״פּוּרִים אִתְקְרִיאַת עַל שֵׁם יוֹם הַכִּפּוּרִים״**, יום כפור איז אזוי ווי פורים; זעט מען פון דעם אז פורים איז גרעסער פון יום כיפור, ווייל מען רופט אן ׳יום כיפור׳ וואס דאס איז די הייליגסטע טאג פון יאר – כ׳פורים אזוי ווי פורים.

דארף מען פארשטיין, ווי אזוי קען זיין אז פורים איז הייליגער ווי יום כיפור? ענטפערט מוהרא״ש ז״ל, אז יום כיפור זיצט א איד א גאנצן טאג אין בית המדרש מיטן קיטל און טלית – אזוי ווי א מלאך, און ער דאווענט א גאנצן טאג; דאס איז טאקע זייער חשוב, אבער מען קען נישט וויסן וואו דער מענטש האלט אין ״בין אדם לחבירו״. מה שאין כן פורים, ווען מען איז עוסק צו שיקן משלוח מנות ומתנות לאביונים, און מען פריידט זיך איינער מיטן צווייטן; מען עסט, מען טרינקט זיך אן, און מען ניצט אויס די שמחה צו פארמערן שלום, דאס איז נאך מער חשוב ווי איינער וואס איז עוסק בינו לבין קונו בתורה ותפילה.

מוהרא״ש האט פארציילט אז דער סדר פלעגט זיין אמאל אז עס זענען געווען מוסר זאגערס, וואס זיי פלעגן ארומגיין אין די שטעט און דערפער און זאגן מוסר דרשות, און נאך די דרשה פלעגן זיי אראפלייגן א שיסל און דער עולם פלעגט אריינלייגן געלט; איינמאל איז א מוסר זאגער אנגעקומען צום שטאט ווילנא, און דער הייליגער ווילנער גאון ז״ל האט אים געבעטן אז זאל אים אויך זאגן מוסר, האט דער מוסר זאגער געזאגט פארן גאון: ״א קונץ צו זיין א ווילנער גאון... אז מען זיצט א גאנצן טאג אנגעטון מיט טלית ותפילין און מען לערנט, אוודאי קען מען זיין א גאון,

## א בריוו פון דער ראש ישיבה

**עצתו אמונה ויקרא תשע"ו**

לאמיר זען אז דער רבי זאל קומען אין מארק ארבעטן, און אכטונג געבן נישט צו בא'גנב'ענען א צווייטן, און נישט צו פארשעמען א צווייטן, דאס איז א קונץ".

**א סימן פון א תלמיד היכל הקודש איז, אז ער געבט אכטונג אויף א צווייטן**, און עס גייט אים אין לעבן אז זיין חבר זאל אויך האבן א גוט לעבן, און דאס איז ביי אים עבודת השם פונקט ווי לערנען און דאווענען.

מוהרא"ש האט דערציילט אז מען האט אמאל געפרעגט א ברסלב'ער חסיד וואס ער האט אינזין ביי 'עטיפת טלית', האט ער געענטפערט מיט א פשטות, אז ער האט אינזין אז זיין שכן זאל נישט כאפן א שמייס פון זיין ציצית... זעט מען פון דעם אז מען דארף אכטונג געבן אויף א חבר.

איין יאר ראש השנה ווען מוהרא"ש איז געגאנגען צום רבינ'ס ציון נאכן דאווענען, איז געווען א שרעקליכער געדרענג, און מען האט געדארפט אכטונג געבן אויף מוהרא"ש, איז אויסגעקומען אז אנ"ש האבן געשטופט אנדערע מענטשן, און מ'האט צוריק געשטופט, ביז עס איז געווארן א גאנצע גרודער, האט מוהרא"ש געזאגט ביי די דרשה מיטל נאכט, אז חז"ל זאגן (יומא פה.): "**עֲבֵירוֹת שֶׁבֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ אֵין יוֹם הַכִּפּוּרִים מְכַפֵּר עַד שֶׁיְּרַצֶּה אֶת חֲבֵירוֹ**", און מוהרא"ש האט געזאגט זייער שארף; עס קלינגט מיר נאך אין די אויערן: "אז מען טשעפעט א צווייטן ווערט נישט ניצן גארנישט ביז מען ווערט יענעם איבער בעטן, און אויב נישט וועסטו נישט האבן קיין תשובה, אפילו תיקון הכללי ווערט נישט ניצן".

דערפאר לאמיר זיך פארנעמען און זען ווי אזוי מען קען יענעם העלפן, און נישט ווי אזוי מען קען זיצן און רעדן ליצנות איינער אויפן צווייטן און יענעם בארעדן. **איך וויל אז מיינע תלמידים זאלן טון חסד אײנער מיטן צווייטן**; עס זענען דא אינגעלייט אין היכל הקודש - תלמידים פון ישיבה, וואס האבן נישט אויף שבת צו מאכן; וואויל איז פאר דעם וואס העלפט א צווייטן, און פרובירט יענעם ארויס צו העלפן.

מוהרא"ש האט דערציילט אז יארן צוריק האט ... - וואס האט געפירט די ברסלב'ער שטיבל אין וויליאמסבורג - זיך אפגערעדט פאר אים, אז ער האט נישט קיין מנין, און מוהרא"ש האט אים מחזק געווען, אז מען דארף אנגיין אפילו עס איז שווער, און מוהרא"ש האט אים געוויזן אויף א קינדער באס וואס איז דעמאלט אריבער געפארן דארט, אז נאך אביסל וועלן ארום פארן באסעס אויף געשריבן אויף דעם: "תלמוד תורה ברסלב", האט אים ... געזאגט: "**איר חלומ'ט בהקיץ, עס וועט קיינמאל נישט זיין אזא זאך**". אבער **ברוך השם אז דער חלום איז מקוים געווארן**, און מיר האבן שיינע מוסדות וואו מיר קענען מחנך זיין אונזערע קינדער מיטן רבינ'ס עצות.

איך דאנק דעם אייבערשטן אז מיר האלטן שוין דא, און מיר האבן אזא חדר מיט אזא ישיבה מיט אזא סקול. נעכטן איז פארגעקומען א פלע"י פון די תלמידות פון אונזער סקול "בית פיגא"; זיי האבן פארגעשטעלט די מעשה פון דער "חכם און תם" (סיפורי מעשיות, מעשה ט), און יעדער וואס איז דארט געווען איז ארויס פון התפעלות.

דער רבי האט געזאגט (שיחות הר"ן, סימן רט): "**אייערע קינדער זאלט איר מודיע זיין וואס דא האט זיך גיטאן**", און רבי נתן שרייבט (שם) אז דער רבי האט עס געזאגט מיט א מורא'דיגע ברען און מיט א התלהבות; זעט מען פון דעם דאס גרויסקייט פון מחנך זיין די קינדער שוין פון יונגווייז אן צו לעבן מיטן אייבערשטן. ב"ה אז מיר האבן זוכה געווען אז מיר קענען מחנך זיין אונזערע קינדער אז זיי זאלן לעבן מיטן רבי'ן, און זיך פירן אזוי ווי דער רבי האט געוואלט.

**א גוטן טאג.**



# איר גיי נאר
# געלט פאר
# מיין ברודע



פון ארץ ישראל
וואס האט נישט
פון וואו צו קענען
אריינברענגען
דעם יו"ט

פאראיאר
האבן מיר
פארטיילט
ב"ה:
איבער
100
טויזנט
שקלים!



העלפט
אונז
קענען
פארטיילן
הי"יאר
דאפלט!

זכות החלוקה | 00

זכות שטאט | 10x

זכות משפחה גדולה | $1,000

זכות משפחה | $500

זכות

רופט
דעם
גבאי

מו"ה אהרן שלעזינגער הי"ו 5893

אין אמעריקע קען
מען זיך פארבינדן:

מו"ה יהושע רבינאוויטש הי"ו

*sruliHeskel

קאמפיין
תשפ"ו




# קמחא דפסחא

יו"ט מיט הרחבת הדעת
פאר אנ"ש בארה"ק
שע"י **"יעזורו"**



ל הפושט יד
תנים לו

$10,00

$3600

2
נמכר

$180

בחלוקה

+97253316

718-306-4552

פון טיפן הארצן טוען
מיר וואונטשן בשם אלע
תלמידים א הערצליכן

# ברכת מזל טוב

פאר אונזער חשובער

## ראש ישיבה שליט"א
## וזוגתו תחי'

לרגל שמחת
הבר מצוה פון הבחור

***יצחק דוד נ"י***

דער אייבערשטער זאל העלפן דער
ראש ישיבה זאל זען אסאך אידיש נחת
פון דעם קינד און אלע קינדער און
אייניקלעך געזונטערהייט. און ווייטער
האבן כח אנצוגיין מיט די הייליגע
ארבעט פון פארשפרייטן דעם
אייבערשטן אויף די גאנצע וועלט.

*וואונטש בלעטל | אינדערהיים | קינדערהיים*

*sruliHeskel



*sruliHeskel



# מעשיות פון תפילה

**שלום שניצלער** קרית ברסלב

שוין זייער לאנג וואס איך פרוביר צו מאכן א ראוד טעסט, אבער עס איז נישט געגאנגען. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז דאס מאל זאל עס אדורכגיין אן קיין שוועריקייטן, און שכח אייבערשטער, איך האב עס ב"ה אדורכגעמאכט גרינגערהייט. שכח אייבערשטער.

איך בין געוועזן שבת אין לעיקוואד. איך בין געגאנגען צו א שול, אבער ס'איז נאך געווען צוגעמאכט. איך האב געוואלט גיין אין מקוה, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל האבן א וועג אריין. שכח אייבערשטער, איך האב געקענט טרעפן די וועג אריין.

**מנשה איצקאוויטש** בארא פארק

איך האב אסאך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען פאלגן דעם ראש ישיבה און וועקלייגן די קרעדיט קארטלעך.

דער אייבערשטער האט געהאלפן אז איך האב באצאלט די קארטל מיט א טשעק וואס איז געווען פון א פארמאכטע אקאונט, האט די באנק מיר געזאגט אז לכבוד דעם פארמאכן זיי די קרעדיט קארטל אינגאנצן.

איך האב פרובירט צו טון דאס און יענץ, אבער נישט געהאט צו וועמען צו רעדן. אזוי גייט עס שוין די לעצטע פאר חדשים, און איך זע אז עס פארט ברוך השם זייער גוט אן דעם קארטל.

**חשובע איינוואוינער פון** קרית ברסלב

פארגאנגענעם זונטאג פרשת תצוה האבן די וועטער אינסטאנצן דערשראקן דעם עולם אז ס'קומט א שניי בליזערד וואס מ'האט נאכנישט געזען דעם סעזאן, אזאנס און אזעלעכטס.

די שטעטל איינוואוינער זענען שוין מיד פון די סארט וועטערס. מ'וויל שוין אז די וועטערס זאלן שוין צוריקגיין צום רוטין, די באסעס זאלן געהעריג אויפפיקן די קינדער צו גיין לערנען און צוריק אהיימטראגן, און אזוי ווייטער.

די שטעטל איינוואוינער האבן זיך נישט דערשראקן פונעם וועטער נביא, נאר געבעטן דעם אייבערשטן אז די שניי בליזערד זאל פאר עפעס א סיבה נישט אנקומען אין שטעטל. וויאזוי קען דאס זיין? ביים אייבערשטן איז אלעס מעגליך.

מאנטאג אינדערפרי, מ'שטייט אויף, מ'רייבט זיך גוט די אויגן צו זען אויב מ'זעט טאקע גוט. ס'איז געפאלן אפאר ברעקלעך שניי.

וואו איז די מעכטיגע פיס שניי, די ריזיגע שניי בליזערד? ס'איז נישט דא. ס'איז אנגעקומען אין אנדערע געגענטער, אין קרית יואל, וויליאמסבורג, לעיקוואד, אבער דא נישט דא. תפילה איז משנה די טבע.

מ'האט זיך איבערצייגט באשיינפערליך אז דער אייבערשטער פירט די וועלט פונקטליך וויאזוי ער וויל, קיינער קען נישט אריינרעדן דערין, און וואס מ'דארף ברויך מען זיך ווענדן נאר צו אים אליין.

# נאר דגים!



מתנות לאביונים בו ביום

גיי נאך געלט

געב אייגן געלט

עניי עירך קודמים!

כאפט אייער זכות

| | |
|---|---|
| סעודת פורים $360 | משתה היין $180 |

| | | |
|---|---|---|
| סעודה למשפחה $100 | מתנות לאביונים $50 | משלוח מנות $36 |

**שמואל איינשטיין 917.589.3382**

*sruliHeskel

# געדאנקען

## ער וויינט און ער לאכט

חיים פונקטליך איז געבוירן אין א משפחה וואס האט די ריכטיגע "מצוה טאנץ בילד".

ווען חיים'ס טאטע ר' משה פונקטליך מאכט חתונה א קינד, קומט די גאנצע שטאט.

עפעס א קלייניגקייט? דער אלעמען באליבטער נגיד פירט א קינד צום חופה!

אלע ר' משה'ס קינדער זענען זעקס אין א פערטל פיס הויך, קיינער נישט איבערוואגיג, אלע ווייזן אויפ'ן וואגשאל א הונדערט אכציג פונט, לא פחות ולא יותר.

אלע מיט די רויטע בעקעלעך.

אלע מצוינים, פארשטייען א גמרא אין א אויגן בליק.

אלע זענען פאפולער, יעדער וויל זיין זייער חבר.

אלע פארשטייען ביזנעס, מען געבט זיך איין דריי און פארדינט א האלבע מעלוינע, נאך א דריי, און די מעלוינע איז שוין גאנץ.

חיים איז דער זיבעטער. דאס לעבן גייט ווי א פידל, פון כתה א' ביז כתה ט' האבן די מלמדים זיך פארסמאקעוועט מיט זיין שארפן קעפעלע.

אין ישיבה קטנה האט ער געהאט די בעסטע חברותות.

אין ישיבה גדולה האט ער זיך פארהערט די דריי בבות מיט ראשונים.

די גאנצע פרשה פון שידוכים איז ער אדורך בבחינת FAST LANE. געפארן ווי א פידל, מען האט אים אנגעטראגן די טאכטער פון זושא נישגעפערליך. קיין געלט האט ער נישט געהאט, אבער נישט געפערליך, מען שטופט עס אדורך. נחת האט געקענט זיין בעסער, אבער נישט געפערליך. די ביזנעס הענגט אויף האר, שוין פאר צען יאר, אבער נישט געפערליך. נאר די שידוך וואס מען האט גערעדט פאר חיים פונקטליך איז געווען פון די חשוב'ע פון די קלאס, צו גאט און צו לייט, מיט גאלדענע מדות.

ר' משה פונקטליך וואלט גראדע יא געוואלט אז די שידוך פון זיין זון זאל זיין אויך באקרוינט מיט געלט און כבוד, אבער נישט געפערליך, אבי די מדוברת איז א מושלמת, אלע מעלות.

חיים פונקטליך האט חתונה געהאט אין א גוטע שעה, געזיצן אויף'ן טאטנ'ס קעסט פאר עטליכע יאר, דורכגעלערנט מיט זיין חברותא עטליכע שווערע מקצועות.

נאך פינעף יאר לערנען זאגט אים זיין טאטע, דו באקומסט פון מיר הונדערט אלפים צו פרובירן אריינגיין אין עולם המסחר, אז דו וועסט דארפן מער לאז מיך וויסן, אבער איך וויל קודם זען ווי אזוי עס ארבעט זיך אויס מיט די ערשטע הונדערט אלפים.

חיים'ס קעפל ארבעט פיין, די ביזנעס גייט נישט קשה, יעדע דריי חדשים ווייזן די ריפארטס אז זאכן גייען אויף ארויף צו.

נאך עטליכע יאר האט זיך אנגעהויבן וואקלדיגע צייטן אין די ביזנעס, עס איז נישט ווי אין פרידנס צייטן.

צום ערשטן מאל אין לעבן האט חיים באקומען א טעיסטינג פון ריאליטי.

אין די זעלבע צייט האט זיך געמאכט פארשידנס מיט די פיר פיצלעך קינדער אונטער פיר. (FOUR UNDER FOUR).

די פיצקעלע בעיבי האט געהאט RSV.

איינס העכער האט געהאט א אויער אינפעקציע.

איינס העכער האט געציינדלט.

## איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

איינס העכער האט געברעטשעט ווען די זון האט געשיינט און געקרעניעט ווען ס'איז געווען פארוואלקנט.

חיים'ס ווייב איז שוין געווען אביסל איבערגעשטרענגט, זי האט נישט געקענט געפינען א רגע אין טאג צו כאפן זיך דעם אטעם.

חיים'ס ווייב האט אנגעהויבן בעטן חיים'קען אויב ער קען ביטע אהיימקומען נאך אכט שעה זיין אין ארבעט, חיים האט עס נישט געקענט נעמען.

עס האט זיך אנטוויקלט א שטוב פון צוויי אויסגעקוועטשטע איבערגעארבעטע נשמות. צוויי גאלדענע הערצער וואס זענען באדעקט מיט א דיקע אומגעהויערע שיכט פון דאגות און דריקענישן. צוויי איידעלע נפשות באגראבן אונטער א יאך פון ארבעט.

חיים האט אנגעהויבן פילן אינעווייניג ווי א אויסגעלאשן ליכטל, אלע לעבן, און איך פיל ווי איך קען זיך נישט א ריר געבן, אלע לאכן, און איך ווין טיף טיף אינעווייניג לעכצנדיג נאך אביסל זון שיין. וואו טרעפט מען דא עפעס א וועג ארויס פון מיין טונקעלע טונעל?

פון דרויסן האט חיים פונקטליך ווייטער געהאט די געביגלטע רעקל און די גלאנציגע שיך, אבער אינעווייניג האט ער געדורשט נאך ענטפערס אויף די רעטעניש הנקרא "לעבן".

די שווארצע יוקאן דינאלי האט ווייטער באקומען א זייפעדיגע באבלדיגע LATHER'יגע שפריץ באד ביים לאקאלן קאר וואש יעדן מיטוואך אוונט אום זעקסע, אבער חיים זוכט שטילערהייט דעם שליסל צו א רואיגע לעבן.

די צען טויזנט דאלעריגע שטריימל איז יעדן צוויי חדשים ביים שטריימל סוחר אויפצופרישן די לאנגע טאנצעדיגע לעבעדיגע הארעלעך, אבער חיים לעבט אין א כאפצעם, ער איז ביזי אוועק צו לויפן פון די כסדר'דיגע טורביולענסעס אין לעבן. ער פרובירט צו לויפן צו עפעס א פלאץ און די וועלט ווי אלעס גייט געשמירט ווי פוטער.

אין די טעג פון פאר פורים מאכט ער זיכער צו האבן גרייט גלאטע קריספי שפאגל נייע איינזערס און צווייערס וואס מען רייסט ארויס פון א ביכל.

שוין אריינגעגעבן ביים מקוה איד די ווין ארדער, א קעסטל נעפע וועלי, א קעסטל סאנאמע קאונטי, א קעסטל ראשן ריווער ("רוסישע טייך" - א פלאץ אין קאליפארניע וואו מען מאכט טייערע ווין) שארדאנעי, ועוד ועוד.

חיים איז אין טשארדזש פון אלע הכנות צום פורים סעודה ביי ר' משה פונקטליך, שוין באשטעלט די מוזיק, שוין אים געגעבן צו פארשטיין אז די ניגונים דארפן זיין נישט צו באמיש און נישט צו פארשלאפן, מער אזוי תורה וגדולה'דיג.

סי'שוין פורים נאכמיטאג, מען שפרינגט און מען טאנצט. דער עולם טרינקט אויף כח. די מוזיק גייט א רויך.

די ספיקערס באכענען אז מען הערט נישט דעם אייגענעם קול.

ר' משה פונקטליך איז ארומגענומען מיט הונדערט אויסגעשטרעקטע הענט וואס בעטן זיך פאר נאך א הונדערטער או. דזשעי. סי.

אינמיטן טיש זיצט חיים, זיינע אויגן קוקן אויף גראד צו, זיין מח איז ערגעץ אין א פארשלאפענע פלאץ, זיין צוקלעמט הערצעלע געפינט נישט די כח זיך אויפצושטעלן טאנצן מיט דעם פול קעפיגן ציבור וואס שוויצט און טאנצט ביז'ן דאך.

אזוי אינמיטן קוקן אויף גראד צו, זוכנדיג אין די מרחקים די סיבה פארוואס מענטשן זענען פריילך, באמערקט ער א חבר פון ישיבה, הערשעלע, ער גייט ארום נאך געלט, נאר פון אזויפיל טרונקען האלט ער אין איין פארגעסן אז ער גייט נאך געלט.

חיים זעט ווי הערשל הייבט אן וויינען, חיים ווייסט נישט וואס מיינט וויינען, פון ווען ער איז צוויי יאר אלט איז נישט ארויס א טרער פון זיינע אויגן.

חיים איז א שטייפער, א פונקטליכער, א הארטער, מען פילט נישט און מען וויינט נישט, מען טוט און מען טוט אזוי ווי א מאשין, א מאשין וויינט נישט און חיים וויינט נישט.

חיים גלייבט נישט וואס ער זעט, ווי הערשל קייכט פון געוויין, ער האט אזאנס אין זיין לעבן נישט געזען.

חיים מוז זען וואס מיינט דאס וויינען, ער הייבט אן רעדן צו הערשל, פלוצלונג זעט ער ווי הערשל לאכט אזוינס אז ער האט נאך נישט געזען א מענטש אזוי קייכן פון געלעכטער.

ער הייבט אן רעדן צו הערשל און פלוצלונג וויינט ער צוריק, ער וויינט און ער לאכט, און ער לאכט און ער וויינט, וואס גייט דא פאר?

ער פרעגט הערשל פארוואס וויינסטו?

הערשל שיסט אויס אין א יאמערליך געוועין אז ער קען קוים אטעמען פון גרויס געוויין.

פארוואס איך וויין? ווייל איך וויל זיין א איד!

און פארוואס לאכסטו?

פארוואס איך לאך? ווייל איך בין א איד!

דו ווילסט זיין א איד? אדער דו ביסט א איד?

ביידע! איך בין א איד און איך וויל זיין א איד!

און וואס געשעט ווען דו וויינסט?

ווען איך וויין צום באשעפער ווער איך פרייליך!

און אז איך וועל וויינען צום באשעפער וועל איך אויך זיין פרייליך?

יא! אודאי! זיכער!

אבער וואס טוט מען אז מען קען נישט וויינען?

אז מען קען נישט וויינען דארפן מען וויינען אז מען זאל קענען וויינען!

ווי אזוי טוט מען עס?

זאג מיט מיר, הייליגער באשעפער!

הייליגער באשעפער!

העלף!

העלף!

איך זאל קענען וויינען צו דיר!

איך זאל קענען וויינען צו דיר!

איך וויל זיין א איד!

איך וויל זיין א איד!

גראבע געשוואלענע טרערן קייקלען זיך אראפ אויף חיים׳ס בעקעלע, זיין מח איז נאך קיינמאל נישט געווען אויף א נארמאלע געזונטע פלאץ אזוי ווי יעצט. ער פילט אזוי ווי ער איז ארויס פון א פאלשע וועלט און אריין אין א עכטע וועלט.

ער פילט ווי א שוי שפילער וואס גייט אראפ פון סטעידזש און טרעפט זיך א ווינקל זיך אויסצואוויינען אויף עכטע ווייטאג.

חיים וויינט און וויינט מיט זיין חבר הערשעלע, דער גאנצער עולם טאנצט ליהודים און די צוויי חברים גיסן זיך אויס דאס הארץ און פילן ווי א נייע מענטש.

חיים קייכט און קייכט און זאגט נאך הערשעלעס ווערטער נאכאמאל און נאכאמאל.

הייליגער באשעפער!

הייליגער באשעפער!

העלף!

העלף!

איך זאל קענען וויינען צו דיר!

איך זאל קענען וויינען צו דיר!

איך וויל זיין א איד!

איך וויל זיין א איד!

פלוצלונג קוקט חיים צו הערשלען און געבעט אים א פרעג, וואס טוט מען אז מען קען נישט לאכן? וואס טוט מען אז מען לעבט ווי א ראבאט? נישט קיין לאכן נישט קיין וויינען, נאר לויפן אין א געיעג נישט וויסנדיג בכלל נאך וואס מען יאגט, וואס טוט מען צו דעם?

זאג מיט מיר, הייליגער באשעפער!

הייליגער באשעפער!

העלף!

העלף!

איך זאל קענען לאכן!

איך זאל קענען לאכן!

זיך פארגינען א שמייכל!

זיך פארגינען א שמייכל!

חיים כאפט א גלעזל נעפע וועלי, און נאך א גלעזל, און נאך א גלעזל.

חיים טרינקט און הערשל וויינט.

חיים וויינט און הערשל טרינקט.

הערשל לאכט און חיים וויינט.

הערשל וויינט און חיים לאכט.

הערשל און חיים זענען ביידע איינגעשלאפן.

עטליכע טעג נאך פורים איז חיים געווען אין א שול אויף א ברית, זעט ער אזוי אין די זייט זיין חבר הערשל זיצט מיט די געפינטלטע משניות, גאנץ ששה סדרי משנה אין איין באנד.

חיים ווייסט שוין וואס ער האט צו טון.

אויב זאגן משניות מאכט מיין חבר הערשל זאל זיין אזוי פרייליך און קענען בעטן דעם אייבערשטן איך וויל זיין א איד, וועל איך אנהייבן זאגן משניות יעדן טאג.

און עד אין
בלעטל
ברענגט
רעזולטאטן

845-379-1161

ads@bletelmagazine.com


# קלאסיפיידס

## הערליכע דירה

א הערליכע פריוואטע דירה שטייט צו פארדינגען פארן גאנצן זומער תשפ"ו הבעל"ט.

אנטהאלט 4 שיינע בעדרומס, 2 טוילעטס, מיט א שיינע לאט

**רופט 917-501-5100**

## בינדעריי

ד' איד,ווארט נישט ביז אייער ספרים ווערט צודיסן, גלייך ווען איר קויפט א ספר געבט עס צו בינדן, מיר מאכן א געלונגענע פראפעסיאנאלע ארבעט.

**רופט דעם בינדער חיים זאנוויל פליישמאן**

**845-866-8643**

# מזל טוב

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה מרדכי אינדיג שליט"א**

וזוגתו מלכה תחי'

**צו די שמחת הבר מצוה פון נפתלי צבי נ"י**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.




דא האט איר
א שיינע קארטל

קרן הדפסה

צו באקומען ביי קרן הדפסה 718-387-2691 #104

פאר סיי וועלכע הערות ביטע רופט אריין קרן הדפסה

loop
PLUMBING
Masters of drip
917.202.1206

PREMIER OFFICE SPACE FOR LEASE

646.938.2503 - 39oldmonticello@gmail.com

COFFEE STATION AROUND THE CLOCK
COMPETITIVE PRICING
PRIVATE ENTRANCE
PRIVATE BATHROOM

CATSKILL PROFESSIONAL PLAZA

# היכל הלכה

## הלכות יום טוב פורים

### תענית אסתר

א] – אין די צייטן פון מרדכי ואסתר האבן זיך די אידן צאמגענומען מלחמה האלטן מיט די גוים, און מ'האט געדארפט בעטן דעם אייבערשטן אז דער אייבערשטער זאל זיי העלפן מיט די מלחמה, אז זיי זאלן געווינען (משנה ברורה סי' תרפ"ו סק"ב).

אין די טאג פון מלחמה האט מען געפאסט (מכילתא פר' בשלח. מס' עמלק פר' א) משה רבינו ווען ער האט מלחמה געהאלטן מיט עמלק האט ער געפאסט, ממילא מסתמא אויך אין די מלחמה בימי מרדכי ואסתר האבן די אידן געפאסט – און די מלחמה איז געווען י"ג אדר, איין טאג פאר פורים – וועגן דעם פירן זיך אלע אידן צו פאסטן י"ג אדר – מ'רופט עס תענית אסתר צו דערמאנען א מענטש אז ווען א איד האט א צרה, זעהט דער אייבערשטער און הערט צו, און ווי נאר א איד קערט זיך צוריק צום אייבערשטען וועט אים דער אייבערשטער העלפן (רמב"ם ה' תענית ה' ה).

ב] **התענית אינו חובה, לכן יש להקל לעת הצורך כגון מעוברות או מיניקות, ואפי' רק כואבי עינים, שאם מצטערים הרבה לא יתענו ויפרעו אח"כ. אבל שאר בריאים לא יפרשו מן הציבור** (רמ"א סעיף ב'). עכ"פ אוודאי נישט מיקל זיין אן פרעגן א שאלה פון א מורה הוראה.

ג] אויב וויל מען אויפשטיין עסן פאר די עלות השחר, דארף מען זיך אויסנעמען פאר מ'גייט שלאפן אז מ'וויל עסן.[01] אויב האט מען זיך נישט אויסגענומען קען מען נאר טרונקן אבער נישט עסן.

ד] ס'שטייט אינעם ספר קב הישר (סי' צ"ז) ווער ס'דארף סיי וועלכע ישועה זאל זאגן תענית אסתר קאפיטל כ"ב – למנצח על אילת השחר, וואס דאס האט אסתר געזאגט פאר זי איז געגאנגען צו אחשוורוש – נאכדעם זאל מען בעטן דעם אייבערשטן וואס מ'דארף און מ'וועט זיכער זען א ישועה!

ה] מ'פירט זיך אז מ'טוט אן בגדי שבת פאר מנחה לכבוד די הייליגע מצוה פון ליינען די מגילה (משנ"ב סי' תרצ"ה סק"ג), מ'פירט זיך צו גיין אין מקוה פאר מגילה ליינען.[02]

### מחצית השקל

ו] אז מ'פירט זיך צו געבן א מחצית השקל (האלב פון א מטבע וואס איז דא אין די צייט אין די לאנד, אפילו ס'איז נישט די ווערד וואס איז געווען בזמן שבית המקדש היה קיים) א זכר צו דעם וואס מ'האט געגעבן בזמן שבית המקדש היה קיים. היות ס'שטייט אין פרשת תרומה דריי מאל דאס ווארט תרומה פירט מען זיך צו געבן דריי האלבע שקלים (רמ"א סי' תרצ"ד סעי' א').

די מנהג איז; מ'געבט פאר יעדע קינד[03] דריי האלבע שקלים, אפילו א פרוי וואס ווארט גיבט מען פארן עובר'ס וועגן אויך,[04] און אוודאי פאר די פרוי אליין געבט מען.[04*] מ'פירט זיך אז מען געבט עס פאר מנחה

תענית אסתר.[05]

ז] מען קען נישט געבן די מחצית השקל פון מעות מעשר.[06]

ח] ביי מנחה ליינט מען וַיְחַל און מ'זאגט ענינו אזוי ווי ביי יעדע תענית.

## מעריב

ט] די מנהג ביי אונז איז אז מ'זאגט נישט ברוך הוי"ה לעולם אויף פורים.[07]

י] פאר שמונה עשרה רופט מען אויס על הניסים, ס'הייסט נישט קיין הפסק.[08]

י"א] נאך שמונה עשרה זאגט מען קדיש תתקבל[09] און נאכדעם ליינט מען די מגילה. נאך מגילה ליינען זאגט מען ואתה קדוש, און נאכדעם זאגט מען קדיש אן תתקבל ווייל מ'האט שוין געזאגט פאר'ן ליינען.

## קריאת המגילה

י"ב] די הייליגע חכמים האבן געזאגט אז מ'איז מחויב צו ליינען די מגילה פורים ביינאכט און נאכאמאל צופרי.[10]

י"ג] די זמן פון ליינען ביינאכט איז פונעם צאת הכוכבים ביז'ן עלות השחר.[11] מען קען נישט ליינען פאר'ן צאת.[12]

י"ד] לכתחילה זאל מען ליינען תיכף נאכן זמן ווייל זריזין מקדימין למצוות.[13]

ט"ו] די קריאה פון בייטאג איז פונעם נץ ביז'ן שקיעה.[14]

## עסן און טרינקען פאר מגילה ליינען

ט"ז] כאטש פאר א יעדע מצוה מעג מען נישט עסן קיין סעודות קבע פאר מען טוט די מצוה איז אבער טועם זיין פאר רוב מצות מותר ווי למשל פאר'ן שאקלען לולב (סי' תרנ"ב סעי' ב') און פאר חנוכה ליכט. אנדערש איז אבער פאר מגילה ליינען מוצאי תענית אסתר, כאטש די תענית איז שוין פאריבער שטייט אין שו"ע (רמ"א תרצ"ב סעי' ד') אז מ'מעג נישט עסן פאר מגילה ליינען.[15]

י"ז] א שוואכע מענטש אדער איינער וואס די תענית איז אים שווערער פון סתם א מענטש וואס פאסט, מעג טועם זיין ווייניגער ווי א כביצה פת און מעג טרינקען א קאווע אדער א טיי.16)

י"ח] מ'מעג זיך נישט לייגן שלאפן אין די האלבע שעה פארן צאת, אפי' שינת עראי - א דרימל.[17]

י"ט] בייטאג נאכן דאווענען פאר מגילה ליינען איז אויך דא אן איסור פון עסן פאר דעם, אזוי ווי ביי אלע מצוות.[18]

### ווער איז אלס מחויב מיט קריאת המגילה

כ] כאטש אלע מצוות עשה שהזמן גרמא - א מצוה וואס האט צו טון מיט א צייט, זענען פרויען פטור, מגילה ליינען זענען פרויען און מיידלעך מחיוב צו הערן שאף הן היו באותו הנס - ווייל זיי זענען אויך געווען אינעם נס, די גזירה פון המן הרשע איז פונקט אזוי געווען אויף פרויען. נאך מער, די נס איז געשען דורך א פרוי, אסתר המלכה![19]

כ"א] קינדער וואס זענען שוין אין די גיל (עידז"ש) פון חינוך, איז מען זיי מחנך מיט מגילה ליינען[20] פונקט ווי מ'איז מחנך מיט אלע מצוות.

כ"ב] מנהג טוב להביא קטנים וקטנות לשמוע מקרא מגילה[21] - א גוטע מנהג איז צו ברענגען אין שול קליינע יונגלעך און אזוי אויך קליינע מיידלעך צו הערן די מגילה ליינען (מחבר תרפ"ט סעיף ו')! דער מג"א (אין סקי"א) לייגט צו; אבער נישט צו קליינע קינדער ווייל ס'שטערט אנדערע מענטשן פון הערן די מגילה ליינען, און אויב מען הערט נישט איין ווארט האט מען נישט יוצא

## הגהות

01) רמ"א סי' תקס"ד סעי' א', מג"א סק"ג.

02) סידור יעב"ץ שער ז' או' א' וז"ל במנחה "טובל ולובש בגדי שבת" - וכ"כ ביסוד ושורש העבודה שער י"ב פ"ג, בשם מהרח"ל זי"ע שקודם מנחה זו היה טובל עצמו במקוה טהרה בשביל קריאת המגילה לערב.

03) משנ"ב סק"ה בשם א"ר סי' תרפ"ו סק"ד.

04) דורשי רשומות היה נותן בהן סימן - כל העובר על הפקידים - כל העוּבר.

*04) מכוח מנהג, דבעצם כ' מג"א סי' תרצ"ד סק"ג דאשה פטורה, וכ"כ על הגהות ומנהגים (ה' פורים אות מ"ט) דכתב דאשה וקטנים חייבים.

05) רמ"א סעי' א' בשם מהרי"ל, וכן כ' הפרמ"ג א"א סק"ג הו"ד במשנ"ב סק"ד ובשער הציון סק"ד.

06) א"ר סי' תרפ"ו סק"ד, וכ"ש דכל שכן משלוח מנות - ומתנות לאביונים - דהוי דבר שבחובה וכל דבר שבחובה אינו באה אלא מן החולין.

07) כן נהג הרבה צדיקים עי' בדרכי חיים ושלום סי' ש"ל.

08) עי' בשו"ע סי' רל"ו סעי' ב', מג"א סק"א - וז"ל דמה שמכריזין לא הוי הפסק כיון שהוא צו' התפלה.

09) מג"א ריש סי' תרצ"ג, באר היטב סק"א, ליקוטי מהרי"ח ח"ג דף קי"ט, שכן נתפשט המנהג.

10) שו"ע סי' תרפ"ז סעי' א' בשערי תשובה סק"א בשם הנודע ביהודה (מהדו"ק או"ח סי' מ"א) דבלילה הוי הקריאה מדרבנן - וביום הוי מדברי קבלה.

11) כן הוא ד' הפרי חדש והגר"א זי"ע הו"ד בשער הציון סק"א - אבל בשו"ע סי' תרצ"ב סעי' ד', נפסק בני אדם שהם אנוסים וקשה עליהם התענית יכולים לשמוע קריאת המגילה קודם הלילה מפלג המנחה ולמעלה - דהיינו דכמו לענין ערבית נחשב לילה משעה זו כמו"כ יכול לקרות המגילה (משנ"ב שם סקי"ז) אלא שהפרי"ח דחה את זה בשתי ידים, ולמעשה מסיק המשנ"ב דאפשר דיש להקל בקריאת המגילה בציבור במקום דוחק גדול ודוק.

12) במקום אונס, קען מען ליינען ביזן נץ. טו"ז סי' תרפ"ח סק"ו - וסי' רל"ה סק"ד.

13) ערוך השולחן סעי' ד'.

14) אויב האט מען געליינט פונעם עלות האט מען יוצא געווען - מחב' תרפ"ז סעי' א'.

15) האחרונים טרחו למה כאן הוי יותר חמור משאר מצוות עי' בנט"ג פ' ל"ב א', בשם הלבוש מה שרוצה לתרץ.

16) מג"א סי' תרצ"ב סק"ז א"ר סקי"א ומשנ"ב סקי"ד - ואז יהיה הדין כמו בשאר מצוות.

17) טו"ז סי' תרצ"ב סק"ג, ומשנ"ב סקט"ו.

18) משנ"ב סקט"ז, וכ' בשער הציון סקכ"ז דביום הוי הקריאה חמור מבלילה דהוי מדברי קבלה.

19) תרפ"ט סעי' א': גמ' דף ד'.

20) מחב' סי' תרפ"ט סעי' א', משנ"ב סק"ג.

געוועןְ.[22]

ממילא, דארף מען האבן שכל; אויב מען האט קליינע קינדער וואס קענען נישט זיין שטיל משך די צייט פון מגילה ליינען זאל מען זיי לאזן אינדערהיים. מען טוט נישט קיין טובה פאר קיינעם מיט'ן זיי ברענגען אין שוהל, יעדע יאר ביי די ערשטע המן נעמען זיך קינדער וויינען און די מאמע מוז ארויס לויפן אינמיטן מגילה ליינען - קומט אויס מ'האט זיך פאר גארנישט געפלאגט צו קומען אין שוהל!

כ"ג] אזוי אויך דארף יעדע טאטע אבאכט געבן אויף זיינע קינדער אז זיי הערן אויף קלאפן ווען דער בעל קורא וויל שוין ממשיך זיין מיט'ן ליינען נאך המן.[23]

כ"ד] א פרוי ליינט נישט מגילה אליינס.[24] אין א פאל וואס זי האט נישט קיינער וואס קען ליינען פאר איר קען זי ליינען אליינס.[25] אויב ליינט זי אליינס, מאכט זי די ברכה לשמוע מגילה.[26]

כ"ה] ווען א מאן ליינט פאר א פרוי און די מאן האט שוין יוצא געוועןְ אין בית המדרש וכדומה, זאל די פרוי זאגן די ברכה פון לשמוע מגילה.[27] אזוי אויך די אנדערע צוויי ברכות; שעשה ניסים און שהחיינו זאל די פרוי אליינס זאגן.[28]

כ"ו] אפילו אויב ס'איז אסאך פרויען צוזאמען וואס הערן די מגילה זאל יעדער באזונדער מאכן פאר זיך די ברכה, נישט איין פרוי זאל יוצא זיין יעדעם.[29]

כ"ז] מ'דארף ליינען מיט א מנין[30] - אויב איינער האט נישט קיין מנין, אזוי אויך א פרוי וואס האט קליינע קינדער און זי גייט נישט אין שוהל פאר מגילה ליינען - ליינט ביחידות.

### ווי אזוי ליינט מען?

כ"ח] די מנהג איז אז דער בעל קורא איז זיך מתעטף מיט א טלית, אפילו ביינאכט, לכבוד דעם ציבור.[31]

דער בעל קורא אין בית המדרש שטייט ביי מגילה ליינען[32] (בשעה"ד אויב ס'איז אים שווער מעג ער זיך אנלאנען אויפן בלעמער, אנדערש ווי ביים ליינען אין די תורה וואס מ'מעג זיך נישט אנלאנען[33]).

אינדערהיים מעג מען ליינען זיצעדיג.[34]

כ"ט] די מנהג איז אז מ'עפנט אויף די מגילה ווי א בריוו[35] - מ'לאזט עס נישט איינגעדרייט, נאר ס'איז אינגאנצן אויפגעעפנט.

ל] נאר דער בעל קורא עפענט די מגילה, די מענטשן וואס הערן אויס דארפן נישט.[36]

אזוי אויך ווען מ'ליינט אינדערהיים דארף מען נישט עפענען ווי א בריוו.

ל"א] מען זאגט דריי ברכות; "על מקרא מגילה", "שעשה ניסים" און "שהחיינו" סיי בייטאג און סיי ביינאכט,[37] מ'דארף שטיין ווען מ'זאגט די ברכות[38] אזוי ווי ביי אלע ברכת המצוות.[39]

ל"ב] דער בעל קורא זאל אינזין האבן אז ער וויל מוצא זיין די עולם, און דער עולם זאל אינזין האבן אז זיי ווילן יוצא זיין.[40]

ל"ג] מען טאר נישט אויסרעדן פון די ערשטע ברכה ביז נאך די ברכה נאך די מגילה ליינען, סיי דער בעל קורא און סיי די עולם וואס הערט צו.

ל"ד] אויב מען האט אויסגערעדט[41]

צווישן די ברכות פון פאר די מגילה און פארן אנהייבן ליינען: דארף מען איבערזאגן די ברכות.

צווישן די מגילה ליינען און די ברכה נאך מגילה ליינען: לכתחילה זאל ער נישט זאגן אליינס די ברכה נאר הערן פון א צווייטן וואס האט נישט אויסגערעדט. אויב האט ער נישט פון וועמען צו הערן; יעדער האט שוין אנגעהויבן צו זאגן די ברכה, קען ער אליינס זאגן די ברכה.

אויב מ'האט אויסגערעדט אינמיטן די

## הגהות

21) די סיבה שטייט אין משנ"ב סקט"ז זיי מחנך זיין מיט די מצוה פון פרסומי ניסא: במשנ"ב סקט"ז מוסיף, אז וועגן דעם זאגט מען די פסוקים פון די אנהייב פונעם נס און פונעם סוף נס "כדי די קליינע קינדער זאלן נישט איינשלאפן".

22) מג"א סקט"ו וקיצור שו"ע סי' קמ"א סי"ג.

23) עי' כל במשנ"ב סקי"ח - ע"ש מוסר גדול.

24) מג"א בשם הזוהר הק' - מדרש הנעלם רות - סק"ו סי' תרפ"ט; א"ר סק"ג שכן המנהג.

25) חיי אדם כלל קנ"ה סי"א משנ"ב סק"ח - ועי' בשער הציון סקט"ז שאינו מוכרח, שזהו פשט בזוהר ע"ש.

26) רמ"א סעי' ב'.

27) מג"א סי' תרצ"ב סק"ה.חיי"א כלל קנ"ה סי"א.

28) באר היטב סי' תרצ"ב סק"ו עי"ש בענין זה.

29) מנחת יצחק ח"ג סי' נ"ד.

30) פרסומי ניסא, וברוב עם הדרת מלך, שו"ע סי' תר"ץ סעי' ח"י - עי' משנ"ב סקס"ב.

31) דרכי חיים ושלום או' תתמ"ה.

32) שו"ע תר"ץ סעי' א'.

33) עי' כל זה במשנ"ב סק"ב וכן בבאור הלכה ד"ה אבל.

34) שו"ע הנ"ל.

35) שו"ע מחב' תר"ץ סעי' י"ז.

36) משנ"ב סקנ"ה בשם מהרי"ל.

37) רמ"א תרצ"ב סעי' א' דלא כמחב'.

38) מג"א סי' תר"ץ סק"א.

39) עי' בא"א וז"ל זה הכלל כל ברכה שאין בה הנאה לגוף בעמידה משא"כ קידוש, שחיטה וחלה אומרין מיושב ע"ש.

40) פרמ"ג א"א תרצ"ב סק"א.

41) צו קענען פארשטיין די הלכה פון אויסרעדן און וויאזוי מיר האבן דא גע'פסק'נט פעלט זיך אויס די הקדמה: ס'איז דא צוויי הלכות לגבי אויסרעדן, 1] צווישן די ברכות און אנהייבן ליינען - וואס דאס איז דא ביי יעדע מצוה; ביי תפילין לייגן - אויב מען רעדט אויס צווישן די ברכה און טון די מצוה, ביי בדיקת

מגילה ליינען: סיי דער בעל קורא און סיי די וואס הערן זיך צו אויב האט מען פארפאסט א ווארט האט מען נישט יוצא געווען (זעה ווייטער וואס איז די עצה), אבער אויב מ'האט נישט פארפאסט קיין ווארט למשל מ'האט אויסגערעדט ביי המן קלאפן, האט מען יוצא געווען.[42]

ל"ה] אויב מ'האט נישט געהערט א ווארט; אויב האט מען א כשר'ע מגילה, קען מען עס אליין משלים זיין אין די אייגענע מגילה און מ'זאגט שנעל ביז מ'כאפט זיך מיט ווי דער בעל קורא האלט (וועגן דעם שטייט אין פרמ"ג משו"ז סי' תר"ץ סק"ו אז א ירא שמים איז ריכטיג ער זאל האבן אליינס א כשר'ע מגילה[43]),

אויב האט מען נישט קיין כשר'ע מגילה נאר א חומש וכדומה, קען מען מיטזאגן איינצעלנע ווערטער צו משלים זיין, ביז האלב פון די מגילה.[44]

ל"ו] מנהג; אז ס'שטייען צוויי מענטשן אין די זייט פונעם בעל קורא.[45]

ל"ז] א טעות ביי א ווארט: אוי ס'טוישט נישט די משמעות האט מען יוצא געווען. אויב ס'טוישט יא די משמעות, למשל;[46] 'ומרדכי יֹשֵב בשער המלך', און ער זאגט יָשַב, האט מען נישט יוצא געווען, ס'איז אזוי ווי מ'האט נישט געזאגט די ווארט.[47]

נ.ב. ס'איז דא א גוטע מגילה סיי זיך פארצוקוקן און סיי פאר ווען מ'ליינט אינדערהיים פאר די ווייב, דארט איז אנגעצייכנט ווי מ'דארף אבאכט געבן מיט די עברי כדי ס'זאל נישט טוישן די משמעות. ס'הייסט הקריאה כהלכה!

ל"ח] בשעת מ'זאגט די ווערטער אגרת הפורים הזאת און אזוי אויך ביי די ווערטער אגרת הפורים הזאת השנית, שאקלט מען די מגילה.[48]

ל"ט] ס'איז דא פארשידענע ווערטער וואס מ'זאגט צוויי מאל ווי למשל; שׂורר - שׁורר, להרג ולאבד - ולהרג ולאבד און נאך מנהגים פון צדיקים, דער ראש ישיבה שליט"א פירט זיך אויך אזוי.

מ] מ'דארף ליינען אלע צען נעמען פון המן'ס קינדער אין איין אטעם. טעם: צו ווייזן אז זיי זענען אלע גע'הרג'ט און אויפגעהאנגען געווארן אויף איינמאל.[49] אויב מ'האט עס נישט געזאגט אויף איינמאל האט מען יוצא געווען.[50] לכתחילה זאגט מען שוין מיט איין אטעם פון 'חמש מאות איש' ביז נאך 'עשרת בני המן'.[51]

מ"א] מ'מעג נישט מפסיק זיין צווישן איין פסוק און די אנדערע פסוק מער פון כדי נשימה[52] ווייל ס'דארף געליינט ווערן אזוי ווי א בריוו; אויף איינמאל.

מ"ב] צווישן איין קאפיטל און אן אנדערע קאפיטל קען מען זיך אפשטעלן פאר עטליכע רגעים.[53]

מ"ג] **ומזה נשתרבב המנהג - רמ"א שמכים המן כשקורים המגילה בבית הכנסת** (רמ"א תר"ץ סעיף י"ז. אבודרהם) **ואין לבטל שום מנהג או ללעוג עליו כי לא לחנם הקבעו** (ב"י בשם אורחות חיים) - מ'קלאפט ביי המן אין בית המדרש, מ'טאר נישט חוזק מאכן פון קיין שום מנהג, ווייל ס'איז נישט אבי אויפגעמאכט אין די וועלט אריין!

מ"ד] נאך קריאת מגילה זאגט מען די ברכה פון 'הרב את ריבינו'.[54] יעדער זאגט עס פאר זיך.[55] אויב האט מען אויסגערעדט, הערט מען עס פון א צווייטן.[56]

מ'זאגט די ברכה שטייענדיג.[57]

מ'לייגט צאם די מגילה פאר מ'זאגט די ברכה.[58]

אויב מ'האט אינגאנצן נישט געזאגט די ברכה האט מען יוצא געווען קריאת המגילה.

מ"ה] די ברכה פון 'הרב את ריבינו' זאגט מען נאר בציבור, נישט ביחיד.[59]

מ"ו] 60) **צריך שיאמר ארור המן ברוך**

## הגהות

חמץ - צווישן די ברכה און די בדיקה, און ביי חנוכה ליכט - אויב מען רעדט אויס צווישן די ברכה און צינדן, ביי די אלע פעלער אויב האט מען אויסגערעדט א זאך וואס האט נישט קיין שייכות מיט'ן מצוה, בדיעבד דארף מען נישט איבערמאכן א ברכה. די זעלבע דין איז דא ביי מגילה ליינען טאמער האט מען אויסגערעדט צווישן די ברכה און ליינען.

2] אויב האט מען אויסגערעדט אינמיטן מגילה ליינען, און אין דעם איז דא צוויי נקודות: 1) פשוט אויב מ'רעדט קען מען פארפאסן א ווארט און מ'איז נישט יוצא 2) אזוי ווי ביי אלע מצוות וואס נעמט א שטיק צייט ווי למשל בדיקת חמץ איז דא א דין אז חוץ פונעם איסר פון רעדן בין ברכה לעשיית המצוה איז דא אן איסר פון אויסרעדן אינמיטן טון די מצוה. עס איז דא צוויי טעמים פארוואס מ'מעג נישט אויסרעדן אינמיטן: 1. פונעם שו"ע אין ה' בדיקת חמץ זעט אויס די טעם כדי מ'זאל צולייגן קאפ צו אלע פלעצער ווי מ'דארף בודק זיין (שו"ע סי' תל"ב).

2. פונעם משנ"ב אין ה' תקיעת שופר (סי' תקצ"ב סק"ח) זעט אויס דעם טעם - כדי ס'זאל נישט זיין קיין הפסק פונעם ברכה וואס מ'האט געזאגט פון אנהייב. ד.ה. אז אפי' מ'האלט שוין אינמיטן טון די מצוה איז נאך אלס שייך א ענין פון הפסק.

דא, איז שייךביידע טעמים, מילא טאר מען נישט אויסרעדן. די משנה ברורה דא אויפ'ן פלאץ סק"ט מאכט א חילוק צווישן די בעל קורא און די עולם וואס הערט אויס אבל עיון רב נראה לעניות דעתי, אזוי ווי מיר האבן געשריבן:אז ס'איז נישט קיין חילוק צווישן די בעל קורא און די עולם, ס'איז א חילוק צו מ'האט געהערט יעדע ווארט אדער נישט. אין די משנ"ב מיינט דאס אויך צו זאגן - דוק ותשכח.

42) עי' בהערה לעיל מיניה.

43) כל זה במשנ"ב סקכ"ו.

44) שו"ע סי' תר"ץ סעי' ג'.

45) מקור חיים סי' תרצ"ב סעי' ג', בן איש חי, תצוה אות ד'.

46) שו"ע סעי' י"ד.

47) משנ"ב סקנ"א.

48) מג"א סי' תר"צ סקי"ז, משנ"ב סקנ"ב.

49) שו"ע סי' תר"ץ סעי' ט"ו.

50) רמ"א סעי' ט"ו בשם כמה ראשונים.

51) רמ"א שם.

52) מג"א סי' תר"ץ סקי"ז.

53) ערוך השולחן סי' תר"ץ סכ"א.

**מרדכי - ארורה זרש ברוכה אסתר - ארורים כל הרשעים, ברוכים כל הצדיקים - וגם חרבונה זכור לטוב** (מחבר) אינעם פיוט פון שושנת יעקב וכו' איז מען יוצא די מצוה.

מ"ז] נאך מגילה ליינען זאגט מען 'ואתה קדוש יושב תהלות ישראל'[61] - מ'זאגט נישט דעם פסוק 'ובא לציון גואל',[62] קדיש - נישט תתקבל,[63] ווייל מ'האט שוין געזאגט פאר מגילה ליינען נאך מעריב שמו"ע.

מנהג ארץ ישראל תותב"א: אז מ'זאגט די קאפיטל 'למנצח אילת השחר' אנשטאט 'שיר למעלות אשא עיני אל ההרים' פון א גאנץ יאר - יעדע יו"ט זאגט מען די קאפיטל וואס האט שייכות מיטן יו"ט, ברכו, עלינו לשבח לאדון הכל.

מ"ח] **סעודת פורים שעשאה בלילה, לא יצא ידי חובתו** - סעודת פורים וואס מ'מאכט ביינאכט האט מען נישט יוצא געווען די מצוה פון סעודת פורים (מחבר סימן תרצ"ה סעיף א'). **רמ"א: ומכל מקום גם בלילה ישמח, וירבה קצת בסעודה** - דער רמ"א לייגט אבער צו: מיט דעם אלעם ביינאכט זאל מען אויך זיין פרייליך! און מ'זאל מאכן א קלענערע סעודה פון בייטאג, אבער אויך מאכן א סעודה.[64]

מ"ט] מ'לייגט צוויי ליכט אויפן טיש![65] די טיש דעקט מען צו אזוי ווי מ'טוט פאר שב"ק.[66]

## סדר יום פורים בבוקר

נישט אזוי ווייט הלכה, נאר פראקטיש: ס'איז כדי צו לערנען שיעורים כסדרן פאר'ן דאווענען ווייל נאך דאווענען ווערט מען פארנומען מיט די מצוות היום און ס'איז נישט דא קיין צייט צו לערנען. ידוע די ווערטער פונעם הייליגן חתם סופר זצוק"ל קבלתי מרבי מענדלי ליליג זצ"ל שהיה רב בבה"מ דק"ק פפד"מ, שקיבל מהגאון בעל שם יעקב, אז ווער ס'לערנט צווישן מגילה פון ביינאכט און די מגילה פון בייטאג מובטח לו שהוא בן עולם הבא!!!

ס'איז דאך ידוע דאס וואס דער קאצקער רבי זי"ע האט געזאגט אויף זיין שווער דער אבני נזר זי"ע אז פארוואס האט זיין טאטע באקומען אזא זון ווי דער אבני נזר? ווייל איינמאל פורים איז נישט געווען קיינער וואס זאל לערנען, אלע תלמידי חכמים צדיקים זענען אינעם זעלבן צייט געווען פארנומען מיט מצוות היום, נאר זיין טאטע האט געלערנט. איז אין הימל געווארן אזא רעש אז ווען נישט אים וואלט נישט געווען קיין תורה אויף די וועלט, האט מען אים געגעבן בשכר זה א זון וואס זאל באלייכטן די וועלט מיט זיין תורה.

**מה נהדר המחזה ההוד וההדר אצלינו בבתי מדרשים 'היכל הקודש' שכל העולם ביחד זקנים עם נערים, ובוויליאמסבורג רואין הראש ישיבה שליט"א עם התלמידים, כולם לומדים שיעורים כסדרן; זה לומד גמרא, זה משניות, זה חומש, זה תהילים, וזה הכל ביחד!!**

נ] בחזרת הש"ץ זאגט מען קרובץ - ר"ת: **ק**'ול **ר**'ינה **ו**'ישועה **ב**'אהלי **צ**'דיקים.**67)**

נ"א] מ'ליינט אין די תורה די פרשה פון 'ויבא עמלק' (שמות י"ז ח'),[68] נאך ליינען זאגט מען חצי קדיש.[69]

נ"ב] אויב ס'איז דא א ברית מילה, מאכט מען דעם ברית פאר מגילה ליינען.[70]

נ"ג] נאך קדיש ליינט מען די מגילה. נאך מגילה ליינען זאגט מען אשרי, ובא לציון, קדיש שלם, שיר של יום, קוה, קדיש דרבנן, עלינו לשבח. ביי אונז זאגט מען דעם תיקון הכללי אזוי ווי יעדן טאג.

דער ראש ישיבה שליט"א רופט אויס נאך דאווענען געוועגליך: 'רבותי, אזא הייליגע טאג ווי פורים לאמיר זאגן צוזאמען דעם תיקון הכללי, מכתם לדוד.....'

נ"ד] מליינט די מגילה מיט די תפילין אנגעטון[71]

6 אזוי ווי ס'שטייט אין גמרא (מגילה ט"ז:) '**ויקר אלו התפילין** - ויקר איז טייטש כבוד; די כבוד פון די אידישע קינדער איז די הייליגע תפילין.

דער ראש ישיבה שליט"א פירט זיך צו גיין מיט די רבינו תם תפילין.[72]

נ"ה] ווען מ'ליינט 'ליהודים... ויקר' כאפט מען אן די הייליגע תפילין.[73]

נ"ו] ווען מ'זאגט די ברכה **שהחיינו** צופרי זאל מען אינזין האבן אז די שהחיינו גייט ארויף אויף די מצוות היום; **משלוח מנות, מתנות לאביונים, סעודת פורים.**[74]

## משלוח מנות

נ"ז] **חייב לשלוח לחבירו שתי מנות בשר,**

### הגהות

54) שו"ע סי' תרצ"ב סעי' א'.

55) א"א (בוטשאטש) סי' תרצ"ב, ספר החיים סי' תרצ"ב.

56) כמבואר כאן אצלינו אות ל"ד.

57) בן איש חי תצוה.

58) חיי"א כ' קנ"ה סכ"ה, א"ר סקט"ו, עי' מג"א סק"כ דכ' דיכול לברך ואח"כ כורך ע"ש.

59) רמ"א סי' תרצ"ב סעי' א'.

60) סי' תר"ץ סעי' ט"ז.

61) מחב' סי' תרצ"ג סעי' א'.

62) לשון הכל בו, לפי שאין גואל בא בלילה - לשון התוס' דף ד. מגילה, ד"ה פסק, לפי שאין גאולה בלילה.

63) מג"א הקדמה לסי' תרצ"ג ע"ש.

64) כן ביאר משנ"ב סק"ג דבריו.

65) משנ"ב סק"ג.

66) שערי תשובה סק"א, ערוך השולחן סעי' ח'.

67) לבוש סי' תרצ"ג.

68) מחב' סי' תרצ"ג סעי' ד'.

69) משנ"ב סק"ט.

70)רמ"א סעי' ד', עטרת זקנים על שו"ע כ' טעם אז ווען מ'זאגט "ליהודים היתה אורה" ביי מגילה ליינען זאך זיין נאך א איד. עי' במשנ"ב סקי"ב עוד טעמים.

**או של שאר מיני מאכלים, שנאמר (אסתר ט' כ"ב) "ומשלוח מנות איש לרעהו" - שתי מנות לאיש אחד, וכל המרבה לשלח לרעים, משובח!**[75] (מחבר סימן תרצ"ה סעיף ד') די מצוה פון משלוח מנות איז צוויי עסן (פארציע"ס) פאר איין מענטש, וואס מער מענטשן מ'גיבט; הרי זה משובח!

נ"ח] די מצוה פון משלוח מנות איז נאר בייטאג (רמ"א סעי' ד'), לכתחילה געבט מען משלוח מנות דורך א שליח.[76] ס'מוז נישט זיין דוקא איינער וואס איז עכט ראוי צו זיין א שליח מדין שליחות[77] ווייל ס'איז נאר צוליב די מצוה פון פרסומי ניסא,[78] מילא, קען עס זיין דורך א קינד אדער א גוי להבדיל. אויב מ'האט עס אליין געגעבן האט מען יוצא געווען.[79]

נ"ט] ס'דארף זיין עסן וואס איז גרייט צו עסן, נישט קיין רויע עסן.[80]

ס] ס'איז משמע פונעם לשון המחבר אז ס'זאל זיין עסן וואס מ'עסט ביי א סעודה (עי' כאן אות נ"ז), די עיקר איז ס'זאל זיין עסן, נישט קיין ספרים און מתנות.[81]

ס"א] מיט טרינקען קען מען יוצא זיין.[82] צוויי פון די זעלבע עסן אדער צוויי פון די זעלבע סארט טרינק איז מען נישט יוצא.

## מתנות לאביונים

ס"ב] **חייב כל אדם ליתן לפחות שתי מתנות לשני עניים** (מחבר סימן תרצ"ד סעיף א') מ'דארף געבן פאר צוויי עניים, פאר יעדעם באזונדער איין מתנה (כן יוצא ממשנ"ב סק"ב). מיט א שוה פרוטה[83] פאר יעדע עני איז מען יוצא; בערך א קוואדער איז מען יוצא (משנ"ב סק"ב חידושי הריטב"א ז. ד"ה תני רב יוסף).

ס"ג] ס'איז דא וואס זאגן אז מ'דארף מער א חשובע מתנה (מהרש"א מגילה), ס'איז דא נאך אפאר שיעורים.

ס"ד]: '**אבל באמת מוטב להרבות במתנות לאביונים מלהרבות בסעודתו ובמשלוח מנות לרעיו, שאין שמחה גדולה ומפוארה אלא לשמח לב עניים יתומים ואלמנות, ודומה לשכינה שנאמר להחיות רוח שפלים ולהחיות לב נדכאים** (ישעיה נ"ז ט"ו) רמב"ם פ"ב ה' י"ז. (לשון משנה ברורה סק"ג בשם דעם רמב"ם) ס'איז א גרעסערע מצוה צו געבן מתנות לאביונים און מחיה זיין ארומיגע און צובראכענע לייט ווי צו געבן משלוח מנות און ווי צו מרבה זיין בסעודת פורים .

ס"ה] די עיקר מצוה איז געבן געלט[84] לאפיקא מתנות און קליידער.

ס"ו] מ'איז יוצא מיט א טשעק,[85] מן, שוה כסף ה"ה ככסף.

ס"ז] וואס הייסט אן עני צו קענען יוצא זיין מתנות לאביונים? אויב ער קומט נישט דורך די וואך, די חודש וכדומה (ערוך השולחן סי' תרצ"ד סעי' ג').

## סעודת פורים

ס"ח] אין א געווענליכע יאר שטייט אין שו"ע (סי' תרצ"ה סעי' א' רמ"א) אז מ'מאכט די סעודה נאך מנחה, פארנאכטס. אבער א יאר ווען פורים געפאלט פרייטאג שטייט אין רמ"א ווייטער **יעשו הסעודה בשחרית** (משנ"ב סק"י בשם פוסקים); לכתחילה פאר חצות. בדיעבד קען מען מאכן די סעודה ביז די זמן כניסת השב"ק.[86]

## מלאכה בפורים

**לשון השו"ע; והעושה (מלאכה) אינו רואה סימן ברכה - ד' רמ"א; האידנא נהגו בכל מקום שלא לעשות** - היינטיגע צייטן איז די מנהג איבעראל אז מ'ארבעט נישט פורים.

לשון אבודרהם פורים; **כי חביבה המצוה הזאת עלינו** - עס איז אונז באליבט די מצות פון פורים סעודה וכו' מילא האבן זיך די אידן גענומען די מנהג פון נישט ארבעטן אין פורים.

פרקמטיא - פתיחת חנות מותר (משנ"ב סק"ג) א געשעפט מעג זיין אפן.

**ערוך השולחן כ'; איה"נ דמותר, יר"ש לא יפתח חנותו כ"א שיש בו צורך מזון.** ס'איז דא א מקום להחמיר א געשעפט וואס פארקויפט נישט קיין עסן פראדוקטען.

ראיתי באיזה ספר זמנינו שכ' טעם לאסור מלאכה, כדי שלא יסוח ד' מן השמחה, צ"ע מקור לזה אבל הוי טעם יפה.

ע"י עכו"ם מותר לעשות מלאכה בפורים חוץ מבנין דהוי אושי מילתא, זה כ' שערי תשובה סק"א דע"ת במקום הפסד מרובה או במקום מצוה יש להקל (כף החיים סק"ד).

### הגהות

71) משנ"ב סי' תרצ"ג סק"ו.

72) כי יש בזה מנהגים. יש הנוהגים בתפילין דרש"י, ויש הנוהגים בר"ת, נהרא נהרא ופשטיה.

73) כף החיים סק"צ.

74) מג"א סי' תרצ"ג סק"א.

75) טעם למה תקנו חז"ל מצוה הק' הלזו עי' בשו"ת חת"ס או"ח סי' קצ"ו, וכן בכת"ס סי' קמ"א.

76) שו"ת בני ציון סי' מ"ד, חתם סופר חידושים על מסכת גיטין כב: ספר יפה ללב סי' תרצ"ה אות י"ט.

77) שו"ת יהודה יעלה או"ח סי' ר"ז. ספר החיים סי תרצ"ה.

78) שו"ת בית ישראל סי' פ"ט.

79) שו"ת יהודה יעלה או"ח סי' ר"ז.

80) מג"א סקי"א (בשם מהרי"ל ה' פורים).

81) טו"ז סק"א.

82) טו"ז סק"ב - מג"א סקי"א.

83) א"א בוטשאטש סי' תרצ"ה - ערוך השולחן סי"ד.

84) מג"א סי' תרצ"ה סקט"ו.

85) שו"ת משנה הלכות ח"ו סי' קכ"ב.

86) ה' שבת סי' רמ"ט רמ"א עי"ש.

# א מעשה פון א צדיק

# ראטשילד'ס פריוואטע באהאלטענע צימער

אהרן קליטניק

דער גרויסער גביר ר' שמעון וואלף ראטשילד זכרונו לברכה איז געווען מפורסם אין דער וועלט אלס אן עושר און א גרויסער נדבן. מיט דעם איז ער געווען אן ערליכער איד, א תמימות'דיגער איד, א ירא שמים, אן גלייכער מענטש.

אזוי אויך ביי די גוים און ביי דער רעגירונג איז ער געווען גאר באליבט ווייל ער איז געווען א גלייכער מענטש. אלע זיינע געשעפטן האט ער געפירט מיט גלייכקייט, ער האט געפירט אלע זיינע חשבונות מיט נאמנות, און ער האט באצאלט אלע זיינע שטייערן מיט גערעכטיגקייט פינקטליך ביז די לעצטע פרוטה.

אבער פארשטייט זיך אז א גוי האט פיינט א איד, האט ער אויך געהאט שונאים וואס האבן אים מקנא געווען און זייער שטארק פרובירט אים צו אונטערברענגען און אלץ געזוכט צו טרעפן אן עוולה אויף אים און אזוי אים פייניגן און אנמאכן צרות.

איין טאג זענען זיי אנגעקומען צום שטייער מיניסטער און געזאגט עדות אז ר' שמעון וואלף האט א באהאלטענעם צימער אין זיין הויז וואס דארט באהאלט ער גאר אסאך גאלד און זילבער. עס איז פארשלאסן, ער לאזט קיינעם נישט אריין, נישט זיינע משרתים, נישט זיינע קנעכט, נאר ער אליין האט דעם שליסל פון דעם צימער און דארט באהאלט ער זיין עיקר עשירות. און פארשטייט זיך אז ער גיט נישט קיין שטייער פון דארט ווייל קיינער ווייסט נישט וואס טוט זיך אין יענעם צימער, און אזוי באהאלט ער זיין גרויס פארמעגן פון דער רעגירונג.

די ווערטער פון די שונאים זענען אריין אינעם אויער פון דעם שטייער מיניסטער און ער האט גלייך געשיקט שוטרים צו זיין בודק צי עס איז אמת אז ער האט א באהאלטענע צימער און ער לאזט טאקע קיינעם נישט אריין.

ווען זיי זענען אנגעקומען צו ר' שמעון וואלף ראטשילד און אים געפרעגט וועגן אזא באהאלטענע צימער, האט ר' שמעון גלייך מודה געווען על האמת אז יא, ער האט אזא באהאלטענע צימער וואס ער לאזט קיינעם נישט אריין, אבער ער באהאלט נישט דארט קיין עשירות אדער גאלד און זילבער, נאר דער צימער איז א פריוואטע זאך וואס ער קען נישט רעדן וועגן דעם.

האבן די שוטרים אים געענטפערט: "נישט דא קיין מעשיות, דו דארפסט עפענען די צימער און מיר דארפן זען וואס דו באהאלטסט דארט."

האט ר' שמעון וואלף זיי געענטפערט: "וויפיל געלט טראכט איר אז עס איז דא דארט באהאלטן?" האבן זיי געזאגט עפעס א סכום זיי טראכטן ער האט באהאלטן דארט.

האט ר' שמעון וואלף זיי געענטפערט: "פיין, איך בין מסכים צו געבן די שטייער פון דעם סכום פאר אייך, אבער מיט איין תנאי אז איך דארף נישט עפענען די צימער, ווייל דאס איז א פריוואטע ענין." אבער זיי האבן נישט מסכים געווען, זיי האבן זיך געהאלטן שטארק אז ער מוז עפענען די צימער.

האט ער זיי געענטפערט: "ווייסטו וואס, וויפיל קען זיין די גרעסטע סכום איך זאל האבן קענען דארט באהאלטן ווען די גאנצע צימער איז פול מיט גאלד און זילבער?" האבן זיי געזאגט עפעס גאר א גרויסע סכום. האט ער זיי געזאגט: "איך בין גרייט צו צאלן די שטייער פון דעם סכום." למעשה, דא האבן זיי שוין נישט געוואוסט וואס צו טון, ווייל עס האט זיך דא גערעדט פון אזא גרויסע סכום וואס וואלט אריינגעברענגט גאר א גרויסע רייכטום אין דעם קאסע פונעם רעגירונג.

האבן זיי אים געענטפערט: "אזא זאך דארף מען שוין גיין פרעגן די וואס זענען ממונה אויף אונז וואס מען זאל דא טון."

נאך אינעם זעלבן טאג זענען זיי צוריקגעקומען זאגן אז דער גרויסער שר וואס איז איבער זיי האט געזאגט אז ניין, מען קען זיך נישט פארהוילן פון דעם, מען דארף שוין עפענען די צימער.

נו! ר' שמעון ראטשילד האט נישט געהאט קיין ברירה. ער האט גענומען די שליסל און געעפנט די טיר. אלע שוטרים קומען שנעל צו זען, אהה! נו! וואס באהאלט ער דא! און זיי גלייבן נישט וואס זיי זעען דא! נישט מער און נישט ווייניגער! מען זעט דארט א ליידיגע צימער! איין זאך זעען זיי יא, א מצבה אינמיטן דעם צימער! וואס שטייט אויף דער מצבה? "פה נטמן שמעון וואלף בן ר' קלונימוס". די שוטרים שטייען דארט אינגאנצן באוואונדערט. וואס גייט דא פאר? וואס איז דער פשט פון אזא מאדנע זאך, האבן א צימער וואס די איינציגסטע זאך וואס עס איז דא אין דעם איז נישט מער און נישט ווייניגער ווי זיין אייגענע מצבה?

האט ר' שמעון וואלף זיי מסביר געווען: "וויסן זאלט עטץ אז איך בין פארנומען א גאנצן טאג מיט מסחר מיט גרויסע געלטער, און אזוי אויך געב איך אסאך צדקה צו ראטעווען ארימעלייט פון אונטערגיין. איז איך ציטער שטענדיג אפשר וועט חלילה אריינגיין אין מיר ישות און גאווה, כאילו איך בין בעסער פון זיי, עפעס מער חשוב פון א צווייטן. איז גיי איך אריין אין דעם צימער איינמאל א טאג און איך קוק גוט אויף מיין מצבה, זיך צו דערמאנען אז עס גייט קומען א טאג ווען איך וועל דארפן גיין פון די וועלט, און עס גייט גארנישט בלייבן פון מיר נאר מיינע מעשים טובים וואס איך בין זוכה געווען איינצוהאנדלען אויף די וועלט. און די זאך איז געווען באהאלטן פון יעדן ביזן היינטיגן טאג, נאר אז עטץ האט מיר געצוואונגען צו עפענען די טיר האב איך נישט געהאט קיין ברירה. און איך האף צום בורא כל עולמים אז דאס זאל מיר נישט שאטן דאס אז מענטשן וועלן יעצט אויסגעפונען פון די הנהגה."

*שיחות מוהרא"ש חלק ט' ערך יום המיתה*



# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע

קנ"ב

## פארזעצונג פון פריער:

**צְוִוישְׁן פֶּסַח אוּן שָׁבוּעוֹת, אִיז רֶבִּי נָתָן גְעוֶוען אַסַאךְ מָאל בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט אוֹיף דֶעם גָאר שְׁוֶוערֶע מְנִיעוֹת, אוּן דֶער עִיקָר מְנִיעוֹת הָאט עֶר בַּאקוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַלֵיין, וַוייל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט אוֹיסְגֶעזֶען וִוי עֶר בֵּייזֶערְט זִיךְ אוֹיף דֶעם וָואס אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ קוּמֶען צוּ אִים אַזוֹי סַאךְ.**

דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, וָואס פְלֶעגְט אַסַאךְ מָאל טְרַאכְטְן אַז אֲפִילוּ עֶר וֶועט צוּם סוֹף וֶוערְן בְּלוֹיז אַשׁ אוּנְטֶער דִי פִּיס פוּן דִי צַדִיקִים, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה י"ז.) אַז דִי נְשָׁמוֹת פוּן רְשָׁעִים וֶועלְן וֶוערְן "אֵפֶר תַּחַת כַּפּוֹת רַגְלֵי צַדִיקִים", אָבֶּער וָואס עֶס וֶועט נָאר זַיין מִיט אִים, וֶועט עֶר אָבֶּער נִישְׁט וֶוערְן אִינְגַאנְצְן אוֹיס, "נִישְׁט, וֶועט שׁוֹין פוּן מִיר נִישְׁט זַיין".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז עֶר זָאל זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט דֶעם, אַז אֲפִילוּ אַזַא גְרוֹיסֶער צַדִיק אִיז אוֹיךְ אַסַאךְ מָאל גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁטַארְק צֶעבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ, אַזוֹי וַוייט אַז עֶס הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט אַז עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין שׁוּם הָאפֶענוּנְג, אוּן עֶר הָאט גֶעמוּזְט צוּקוּמֶען זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט דֶעם אַז עֶר וֶועט כָאטְשׁ נִישְׁט וֶוערְן אִינְגַאנְצְן גָארְנִישְׁט מִיט נִישְׁט, עֶפֶּעס וֶועט נָאךְ בְּלַייבְּן פוּן אִים.

דֶער רֶבִּי הָאט עֶרְקְלֶערְט אַז אוֹיבּ חֲזַ"ל זָאגְן אוּנְז אַז זֵיי וֶועלְן וֶוערְן אַשׁ, וֶועט זִיכֶער זַיין אִין דִי אַשׁ עֶפֶּעס אַ סָארְט חַיוּת, אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ גוּט, כָאטְשׁ וֶועט עֶר נִישְׁט וֶוערְן אִינְגַאנְצְן אוֹיס.

מֶען הָאט פַארְשְׁטַאנֶען דֶעמָאלְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַז עֶר אַלֵיין הָאט זִיךְ אַסַאךְ מָאל מְחַזֵק גֶעוֶוען מִיט דִי מַעֲשֶׂה, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען גְרֵייט אוֹיךְ אוֹיף דֶעם, אַז אֲפִילוּ אוֹיבּ צוּם סוֹף וֶועט בְּלַייבְּן פוּן אִים בְּלוֹיז אַשׁ אוּנְטֶער דִי פִּיס פוּן דִי צַדִיקִים, אִיז עֶר מַסְכִּים וַוייטֶער צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פְּרוּבִּירְן כָאטְשׁ אַרַיינְצוּכַאפְּן עֶפֶּעס גוּטֶע זַאכְן אִין זַיין לֶעבְּן וִויפִיל עֶר קֶען, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל שׁוֹין טוּן מִיט אִים וִוי אַזוֹי עֶר פַארְשְׁטֵייט.

נָאנְט צוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת הָאט רֶבִּי נָתָן צוּגֶעגְרֵייט... צוּגֶעעֶנְדִיגְט אָפְּשְׁרַייבְּן אַלֶע תּוֹרוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן מִיט אַ שֵׁיינֶעם שְׁרִיפְט אוֹיף אַ גֶעהֶערִיגְן סֵדֶר גְרֵייט צוּם דְרוּק, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעהֵייסְן.

אוֹיף יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת זֶענֶען רֶבִּי נָתָן מִיט ר' נַפְתָּלִי גֶעפָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. וֶוען זֵיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, הָאט דֶער רֶבִּי זֵיי גֶעזָאגְט, "יֶעצְט וֵייס אִיךְ גָארְנִישְׁט, אִיךְ בִּין נָאר לֶעצְטְנְס גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן אַז דוּרְךְ דֶעם וָואס דִי וֶועלְט רֶעדְט לָשׁוֹן הָרָע, דָאס מַאכְט אַז צַדִיקִים זָאלְן נִישְׁט קֶענֶען זַיין קַיין עֲנָוִים [זֶע דִי תּוֹרָה אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קצ"ז], אָבֶּער מֶער פוּן דֶעם וֵייס אִיךְ גָארְנִישְׁט". אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי נָאכְאַמָאל קְלָאר גֶעשְׁטֶעלְט, "אַזוֹי וִוי דוּ וֵייסְט נִישְׁט, מַמָשׁ אַזוֹי וֵייס אִיךְ יֶעצְט טַאקֶע גָארְנִישְׁט".

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז יֶעצְט פִירְט עֶר זִיךְ מַמָשׁ וִוי אַ פָּשׁוּטֶער אִיד, עֶר שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי אוּן שְׁטֶעלְט זִיךְ דַאוֶונֶען, דֶערְנָאךְ לֶערְנְט עֶר אַבִּיסְל אוּן זָאגְט אַבִּיסְל תְּהִלִים, דֶערְנָאךְ עֶסְט עֶר עֶפֶּעס אוּן לֵייגְט זִיךְ אַרָאפּ אַבִּיסְל שְׁלָאפְן, אוּן דַאן רֶעדְט עֶר זִיךְ אוֹיס אַבִּיסְל דָאס הַארְץ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בֶּעט זִיךְ בַּיי אִים בְּרַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט אוּן גֶעזָאגְט, "אוּן אִיךְ הָאבּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת".

דִי לֶעצְטֶע וֶוערְטֶער, "אוּן אִיךְ הָאבּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת", הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט מִיט אַזַא תְּמִימוּת, אַזַא צֶעבְּרָאכְן הַארְץ, אַז וֶוער עֶס הָאט עֶס גֶעהֶערְט הָאט גֶעזֶען אוּן פַארְשְׁטַאנֶען דִי גֶעוַואלְדִיגֶע רַחֲמָנוּת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט גֶעוֶוען גָאר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן חַס וְשָׁלוֹם.

דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי דֶעמָאלְט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶע'חָלוֹמְ'ט אַז עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען שָׁבוּעוֹת, אוּן אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף שָׁבוּעוֹת אַזוֹי וִוי גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען מֶען פְלֶעגְט זִיךְ צוּזַאמְקוּמֶען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, אוּן עֶר חָלוֹמְ'ט זִיךְ וִוי עֶר קֶען בִּכְלַל נִישְׁט זָאגְן קַיין תּוֹרָה, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר גֶע'מוּסָרְ'ט דֶעם עוֹלָם אַז דָאס אִיז זֵייעֶר שׁוּלְד, וַוייל צוּלִיבּ זֵייעֶר פַארְגְרֶעבְּטְקֵייט קֶען דֶער רֶבִּי נִישְׁט זָאגְן תּוֹרָה, [וִוי בַּאקַאנְט אַז דִי תּוֹרָה פוּנֶעם צַדִיק וֶוערְט דוּרְךְ דִי מֶענְטְשְׁן וָואס קוּמֶען צוּ אִים], אוּן אַזוֹי וַוייטֶער הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶע'מוּסָרְ'ט דִי מֶענְטְשְׁן, בִּיז דֶער עוֹלָם אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט גָאר אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע גֶעוַואלְדִיגֶע תּוֹרָה.

מֶען הָאט פַארְשְׁטַאנֶען פוּן רֶבִּי'ן אַז עֶס אִיז אִים אוֹיךְ אַנְטְפְּלֶעקְט גֶעוָוארְן אִינֶעם חָלוֹם דִי תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט.

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*

# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב



**ביים טאנצן נאך מעריב אין ישיבה - ב' תרומה**

קרעדיט: שלומי האממער



**אין א שמועס מיט די בחורים נאכן שיעור אין ישיבה - ג' תרומה**

קרעדיט: שלומי האממער





**הנחת תפילין און להיים פאר הבחור נפתלי נ"י בן מו"ה יואל וועבערמאן הי"ו אין ישיבה - ג' תרומה**





**שבע ברכות פון החתן חיים נחום הי"ו בן מו"ה נפתלי קארנבלי הי"ו עב"ג בת מו"ה אלימלך שארף הי"ו אין היכל הקודש טבריה - ד' תרומה**

קרעדיט: שלומי האמער

**הבחור הבר מצוה נפתלי וועבערמאן ני"ו ביים עולה זיין לתורה אין ישיבה - ג' תרומה**









**די ערשטע טאג אין די נייע תלמוד תורה היכל הקודש בית שמש - ג' תרומה**

קרעדיט: גדלי' בעלער








**א בליק אריין די ערשטע טאג אין די נייע חדר אין בית שמש ווי די קינדער לערנען מיט ישוב הדעת - ה' תרומה**

קרעדיט: שמעון עוזר פערל





**הנחת תפילין פון הבחור נפתלי נ"י בן מו"ה מרדכי אינדיג שליט"א אין ישיבה - א' תצוה**

קרעדיט: שלמה לעווי









**שבת התוועדות מיט די בחורים וואס זענען געגאנגען נאך געלט פאר די ישיבה - מוצש"ק תרומה**



המלך
AUTHORISED
Since 1950
פארקאש
Farkas Judaica
RETAILER
CUSTOM
SHOWROOM
FINE JUDAICA
917-474-6118
BORO PARK:
4529-16TH AVE.
BROOKLYN NY 11204
WILLIAMSBURG:
187 RODNEY STREET
BROOKLYN NY 11211
LIBERTY:
10 SCHOOL ST.
LIBERTY NY 12754
LINDEN:
NEW LOCATION
224 LIVINGSTON RD.
LINDEN NJ 07036
*sruliHeskel


ב"ה
משנכנס אדר מרבים בשמחה
שמחת פורים
דגים
מזל
לחיים
ארור המן אשר ביקש לאבדי
ברוך מרדכי היהודי
ומתנות לאביונים
משלוח מנות איש לרעהו
100
100
לכבוד מעלת כמוהר"ר יוסף סג"ל שטיין שליט"א
פורים תרצ"ב


פרייליכע מעלדונג
מיט גרויס פרייד טוען מיר מעלדן פאר אנ"ש אז
מיר גרייטן זיך שוין צו דרוקן ספר עצתו אמונה
חלק י"ב
ספר
עצתו אמונה
אידיש
חלק יב
מהדורת יאקאבאוויטש
זכות בספר $500
צו קויפן א זכות אינעם ספר מו"ה לייבי ראטה הי"ו
ווענדט אייך צו: 347.578.4449
קרן הדפסה
*sruliHeskel

בס"ד

פרשת תצוה
אויסגאבע # 11


# אינדערהיים



דעם צוגעפאסטן היטל
**ש. טראכטער**

וואס טוט מען יעצט
**ג. פעקעטע**

# פאטשען און טאנצן

ש. ל. פליישמאן

# אינהאלט



6



14



**בס"ד**
פרשת
תצוה - פורים
תשפ"ו
**נומער 11**



**ראדאקציע:**
ש. טראכטער
ג. פעקעטע
ח. פ. וועבערמאן
ש. ל. פליישמאן
ח. שטיינבערג
ל. וועבערמאן
ל. סאקס
מ. פאפנהיים
פ. גליק



**845.379.1161**

136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747

**Inderheim@bletelmagazine.com**
**Kinderheim@bletelmagazine.com**

קול ברסלב:
**212.444.9191**

אידישע שטוב:
**212.444.9169**

ש. ל. פליישמאן

# אויפן וועג אהיים

צוזאמען ביים שיעור פארברענג. ווערן בעסער איך בענק. כאטש עפעס איך געדענק.

## פאטשן און טאנצן

וועו מוהרא"ש האט געליטן,
שווערע מינוטן,
האט ער געטאנצן, געפאטשט מיט געזאנג.
מען האט נישט דערקענט,
א קליינע פראצענט,
ער גייט יעצט דורך א שווערע איבערגאנג.

פאטשן און טאנצן,
מאכט זיס אינגאנצן,
שווערע דינים ווערן אויס.
טוה זיך צווינגען,
פאטשן און זינגען,
צינד אָן מוזיק אין דיין הויז.

עס ברענגט ישועות,
אפאר מינוט, טוה עס,
וועו צו עצבות דיר ציט עס.
זינג א טָאן,
פאטשן הייב אָן,
פאלג דעם רבי'ן בתמימות ופשיטות...

טאנץ מיט אפעטיט,
דער אייבערשטער איז גוט,
דיין מח ווערט דיר ברייטער.

כִּי טוב ד' זינג,
פאטש און שפרינג,
וועסטו באקומען כח אויף ווייטער.

באשעפער איך דאנק,
איך זינג א געזאנג,
מזמור לתודה, אזוי גוט ביסטו,
טאטע געטריי,
צו דיר איך שריי
העלף מיר זיין אין א גוטע גיסטע!!!

דער הייליגער רבי נתן,
טאנצט פרייליך מיטן חתן,
ער פאטשט לעבעדיג מיט די הענט.
און נישט נאר דאס,
אויך א 'טאמבלסאוס'...
א שטארקע שמחה מען דערקענט!

ער געבט א שפרינג,
דרייט זיך אינעם רינג,
מען קוקט מיט א פארוואונדערטע פנים.

די משפחה ער קען,
פון דער נאנט, זייט וועו?
איז ער עפעס פון די הויפט מחותנים?

די הייליגע תלמידים,
באטראכטן די ריקודין,
זייער וואונדער וואקסט ביי די מינוטן.
רבי נתן פריידט זיך,
אין קאזשיקלער דרייט זיך...
כאילו ער איז טאקע נאנט צום מחותן...

רבי נתן, זייער רבי,
זאגט זיי די סיבה,
איך האב אויסגענוצט די געלעגענהייט,
טאנצן און קלאפן,
ווי מער אריינכאפן,
ווייל אזוי אין ליקוטי מוהר"ן שטייט:
**על ידי רקודים והמחאת כף אל כף נעשה המתקת הדינים!**
(דורך טאנצן און פאטשן מיט די הענט ווערן זיס די דינים)
ספעציעל יעצט אין די ימי הפורים!!

צו הערן די גאנצע שיעור פונעם ראש ישיבה רופט 212-444-9191 - 212-444-9169

ש. טראכטער




**אין קורצן פון פריער: הבחור יוסף וואנקער אנטלויפט פון פוילן קיין אמעריקע, כדי נישט צו דארפן דינען אין מיליטער.**

**ער קומט אן אליין אין ארגענטינע. די אידן נעמען אים שיין אויף, כאטש זיי זענען ווייט פון אידישקייט. אלגא א יונג מיידל וואקסט אויף פריי אבער ציעט זייער צו אידישקייט.**

**האט חתונה מיט יוסף אין אגערטינע.**

## 6

דער אייבערשטער האט זיי באגליקט און ביז א שטיק צייט איז זיי געבוירן געווארן א יונגעלע און דערנאך א מיידעלע.

אצינד איז שוין אלגא געווען א פארנומענע מאמע און האט געהאדעוועט מיט פרייד אירע קליינע קינדערלעך.

די משפחה איז צעוואקסן געווארן. יוסף האט שווער געארבעט צו ברענגען פרנסה. אלגא האט געהארעוועט מיט די קינדער. אינאיינעם האבן זיי אריינגעלייגט אמונה און תמימות אין זייערע קינדער.

יארן זענען געלאפן. אלגא און יוסף האבן אויפגעשטעלט אן ערליכע שטוב. זיי האבן געהאט א שטוב מיט קינדער בלי עין הרע.

אין יענע יארן איז שוין געווען א שטיקל אויפוואכונג פון ערליכע רבנים צו קומען און מקרב זיין די ארטיגע אידן צו אידישקייט.

אבער יוסף און אלגא האבן נישט געוואוינט אין יענער געגנט.

ווען זייער זון יעקב איז אונטערגעוואקסן, האבן די עלטערן זייער געוואלט אז ער זאל באקומען א פרומע אידישע חינוך. הערנדיג אז אין א דערנעבנדיגער שטאט איז דא אן ערליכע אידישע ישיבה, האבן זיי זיך אויפגעהויבן און זענען אהינגעפארן מיט יעקב.

יעקב האט נישט געקענט קיין סאך לערנען. אויך יוסף, זייענדיג פארשיקט אלס יונג בחור'ל, האט נישט קיין סאך געקענט. אבערביידע האבן געהאט א ברענענדיגן רצון. זיי ווילן קענען תורה.

דער וועג צו דער ישיבה איז נישט געווען גרינג. עס האט גענומען בערך אכט שעה און זיי האבן זיך געוואלגערט פון איין באן צום צווייטן און פון איין שטעטל צום צווייטן. זיי זענען אבער געווען זיכער אז ווי נאר זיי קומען אן, וועט מען זיי אויפנעמען מיט ביידע הענט.

טאטע, מאמע און זון האבן זיך מחזק

געווען אינאיינעם און זענען געגאנגען מיט פרייד, טראץ די שוועריקייטן.

זיי זענען אנגעקומען צו דער ישיבה, א קליינער באשיידענער בנין, אבער עס האט זיך ארויסגעהערט א גייסטרייכער קול תורה. יעקב האט שוין געגליסט אנצוקומען אינעווייניג אינעם היכל התורה, אבער אן איינגעשטעלטער האט אים פארבעטן אז ער זאל צוערשט אריינגיין צום מגיד שיעור וואס וויל רעדן אפאר ווערטער מיט אים.

יעקב איז אריין. דער צימער איז געווען געבויעט פון האלץ. אלע ווענט זענען געווען באדעקט מיט ספרים. יעקב'ס אויגן האבן געגלאנצט. צו קען זיין אז איין טאג וועט ער זוכה זיין צו קענען די אלע ספרים?

דער מגיד שיעור האט אנגעהויבן שמועסן מיט אים אין לערנען, אבער גאנץ שנעל האט ער איינגעזען אז יעקב ווייסט ממש נישט קיין סאך. קוים וואס ער האט געקענט אביסל חומש און אמאל א רש"י.

דער מגיד שיעור האט זיך געשפירט זייער שלעכט, אבער ער האט מסביר געווען פאר יעקב אז די ישיבה איז געשטעלט פאר בחורים וואס קענען לערנען און ווילן זיך לערנען מער. די ישיבה איז נישט געמאכט פאר איינעם אזויווי אים וואס קען נישט צופיל.

יעקב האט נישט געקענט נעמען די פאטש אין פנים. "אבער איך וויל לערנען. וויאזוי קענט איר מיר פארשיקן?" האט ער געפרעגט מיט א געשטיקטע שטימע.

דער מגיד שיעור האט ארויסגעוויזן מיטלייד, אבער מער פון דעם האט ער אים נישט אנגעטראגן.

מיט געבויגענע פלייצעס איז יעקב ארויס צו זיינע עלטערן.

טאטע און מאמע האבן געווארט מיט נייגער און שמחה צו הערן וויאזוי די מיטינג איז אריבער. ווען זיי האבן געזען יעקב'ס פנים, האבן זיי זיך דערשראקן.

יעקב האט זיי דערציילט וואס איז אריבער, און מיט געבויגענע פלייצעס זענען די דריי ארויס פון דעם בנין וואס האט ביז א פאר מינוט צוריק זיי געגעבן אזויפיל האפענונג.

זיי זענען אראפ די שטיינערנע טרעפ ארויס צו דער גאס. א לייכטער רעגן האט אנגעהויבן פאלן, וואס איז געווען פונקט צוגעפאסט צו זייער געמיט.

טאטע, מאמע און יעקב האבן שפאצירט אן א ציל, יעדער אריינגעטון אין זיינע מחשבות. וויאזוי קען זיין אזא זאך? זיי ווילן לערנען תורה און מען זאגט זיי "ניין"?

עס איז נישט געווען פאר זיי א גרעסערע צער ווי צו ברענגען זייער זון לערנען תורה און ווערן צוריקגעוויזן.

טרערן האבן אנגעהויבן פאלן. קודם פון דער מאמע, דערנאך פון יעקב, און אפילו יוסף האט זיך נישט געקענט דערהאלטן.

זיי האבן אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און יוסף האט זיך אנגערופן, "טאטע, דו האסט אונז קיינמאל נישט פארלאזט. מיין גאנץ לעבן ביסטו געשטאנען נעבן מיר און מיר געשיצט. ווייז אונז אויך יעצט דיינע חסדים און העלף אז אונזער יעקב זאל זוכה זיין צו לערנען תורה."

פלוצלינג האט אריבערגעשפאצירט א טייערער איד וואס האט אסאך געטון צו העלפן די ארטיגע אידן.

ווען ער האט געזען די סצענע פון א טאטע, מאמע און זון וואס שפאצירן און וויינען, האט דאס אים זייער באריהרט און ער איז צוגעגאנגען צו זיי און זיי געפרעגט,

**ווען ער האט געזען די סצענע פון א טאטע, מאמע און זון וואס וויינען, האט דאס אים זייער באריהרט. ער איז צוגעגאנגען צו זיי און געפרעגט, "פארוואס וויינט איר אזוי?"**

"פארוואס וויינט איר אזוי?"

דער טאטע האט אים פארציילט זייער פשוט, "מיין זון וויל לערנען תורה, און מען נעמט אים נישט אן."

ווי נאר דער איד האט דאס געהערט, האט ער געזאגט, "פארט אהיים און איך וועל אים האדעווען ווי מיין אייגענעם זון. ער וועט לערנען תורה."

יעקב איז דארט פארבליבן און איז געשטיגן אין תורה ועבודה.

שפעטער איז ער געקומען קיין ניו יארק, וואו ער איז געווען זייער מקושר מיט אסאך ערליכע אידן, וועלכע האבן אים שטארק מכבד געווען.

ער האט זוכה געווען אויפצושטעלן א דור פון יראי ה', זיינע קינדער און אייניקלעך לערנען היינט אין היימישע מוסדות און פירן זיך לויט די תורה.

זיי האבן זוכה געווען דערצו, אלעס א דאנק די מסירת נפש פון די טייערע זיידע און באבע, יונגע העלדן וואס האבן געוואלט דינען דעם אייבערשטער בתמימות.

אויך איך און דו וועלן זוכה זיין צו ערליכע דורות אז מיר וועלן אסאך בעטן דעם אייבערשטן אז מיר ווילן אויך בלייבן ערליך און ריין טראץ די נסיונות פון אונזער דור.

און מיר דארפן אסאך בעטן דעם אייבערשטן אז מיר זאלן פאלגן ערליכע אידן, ווייל נאר דער וואס לעבט מיט ערליכע אידן, דער איז באמת גליקליך!

*ענדע*

ש. טראכטער



# דעם צוגעפאסטן היטל

מיטוואך צען אזייגער אינדערפרי.

איך קום אריין אין שטאטישן אפיס צו ערלעדיגן וויכטיגע פאפירן. מיר ווארטן שוין לאנג אויף דעם אפוינטמענט. איך מאך א תפילה צום אייבערשטן אז אלעס זאל אריבערגיין כשורה, די ענטפערס זאלן זיין ריכטיג.

”נאמען?” פרעגט מיר די סעקרעטארין מיט א געמאכטע אייזיגע העפליכקייט.

”טראכטער.”

”ביסט חתונה געהאט?”

”יא, געלויבט גאט.” ענטפער איך, אריינווארפנדיג אביסל אייבערשטער צו דער נישט-אידישער סעקרעטארין.

”ארבעט?”

ארבעט.... ארבעט... ארבעט??....

די סעקרעטארין שטייט קעגן מיר און ווארט אויף אן ענטפער.

”איך בין א מאמע און א ווייב.”

”הא?” פרעגט זי איבער, כאילו איך האב גערעדט כינעזיש.

”וואס איז אייער ארבעט, ביטע?”

איך גלייך אויס מיין רוקן און געב א

פראפעסיאנעלן, אמעריקאנעם, אייזיגן שמייכל.

"מיין ארבעט ווילט איר וויסן? יא, זיכער. איך האב א דיגרי אין טשיילד פסיכאלאגיע און טשיילד דעוועלאפמענט (קינדער פסיכאלאגיע און אנטוויקלונג).

"אויך בין איך א ריכטערין, אן אדוואקאט, א דאקטערין, א נורס, א הויז ארגאניזערין, אן אינטעריער דעקערעיטער, א קעכערין, א לערערין, א סעקרעטארין, אן אקאונטענט, א שניידערין, א פערזענליכע איינקויפערין (פערסאנאל שאפער)... אויך וואלאנטיר איך פאר די פאליצײ און פייער-לעשער פון צייט צו צייט..."

איך וואלט ווייטער געגאנגען, אבער די סעקרעטארין האט מיר שיעור נישט געוואלט אריינשיקן אין שפיטאל.

"איר.... וואס? איר זענט מסודר? ווען רוקט איר דאס אלעס אריין?" וואונדערט זי זיך מיט שאק און אביסל שפאט.

"אה, צווישן פיר נאכמיטאג און ניין ביינאכט! און אויב איר גלייבט מיר נישט, זענט איר געלאדנט צו קומען צו מיר אהיים און זיך איבערצייגן."

איך ווייס נישט און עס אינטערעסירט מיר נישט וואס יענע סעקרעטארין האט געטראכט און געטון נאך וואס איך בין ארויס, אבער איך בין ארויס מיט א קאפ העכער.

איר ווייסט וואס א מאמע איז אלץ? ניין?! איין טאג זאל זי נישט טון און דעמאלטס וועט מען זיך שוין איבערצייגן וואס זי טוט אלץ!

א אידישע מאמע האט אומצאליגע פאסטנס. זי דארף נאר יעדעס מאל אריינבליקן אין איר זעקל, אויסוועלן די ריכטיגע היטל און געגאנגען!

אדרבה, קומט מיט מיר אויף א שפאציר ביי מיר אין שטוב.

4:30 נאכמיטאג

"מ-א-מ-י!!!!! מ-א-מ-י!!"

איך כאפ מיין זעקל און איך קוק אריין. וואספארא היטל דארף איך יעצט? לויט די קולות זעט מיר אויס אז איך דארף מיין הצלה אדער דאקטער היטל, אבער נאך איידער איך האב געהאט צייט אריינצוקלערן, ווערן די קולות העכער און נענטער.

איך דערקען די קולות. אסתי און פריידי. וואס גייט פאר? אסתי האט ערשט אנגעהויבן שפילן מיט קליקס. איר טענה: "פריידי האט זיך אריינגעמישט און יעצט נעמט זי אלע גרינע קליקס. איך האב עס ערשט געהאט."

פריידי: "שטותים! איך האב געוואלט גיין שפילן קליקס. זי האט עס געכאפט פאר מיר. און סיווי קען זי נוצן בלויע קליקס. איך דארף עס צו מאכן גראז. איך קען נישט מאכן בלויע גראז."

ערנסטע טענות. ב"ה די דאקטער היטל גייט צוריק. איך ווייס וואס איך דארף. מיין שופט היטל. איך שלעפ ארויס אן אלטע ווייסע שייטל מיט א קליינע האמער.

הנני מוכן, איך נעם אן די אמט מיט אן ערנסטקייט. איך זעץ זיך אויסהערן אלע צדדים.

## איך טו אן מיין אדוואקאט היטל און פרוביר צו מאכן אן "אפיל" פאר חיים'ס טאטן.
## "טאטי, איך מיין אז חיים טוט שוין תשובה.

...

**4:45**

"מאמי, וויאזוי ווערט זומער? וואס געשעט? וויאזוי וואקסט א בלום? וויאזוי ווערט וואסער צולאזט? וואו זענען אלע פייגלעך אין ווינטער? פארוואס איז פלייש געזונט? אויב לאלי'ס איז נישט געזונט, פארוואס האט דער אייבערשטער עס באשאפן?"

א גוטע לערערין טראכטער! די לעקציע הייבט זיך אן! איך זוך אויף מיין לערערין'ס טאש, איך נעם ארויס אפאר אויסגעגלעטע פאפירן און צווישן איין לעפל זופ און דעם צווייטן, פרוביר איך דאס בעסטע וואס איך קען צו ענטפערן אויף זייערע קינדישע, זיסע און צומאל טיפע שאלות. איך טראכט צומאל וואס מיין זיידע האט געשריבן פאר זיין ערוואקסענעם זון אין א בריוו, "וואס איך ווייס, וויל איך ענק זאלן וויסן. וואס איך ווייס, וועל איך אייך איבערגעבן."

נו, איך פרוביר. און אוודאי פרוביר איך אריינצופלעכטן אביסל אמונה, מעשיות פון צדיקים און שיינע מידות.

א שיינער שכל וואס איך האב געהערט פון דעם ראש ישיבה איז אז מען מוז נישט אויף אלעס געבן אן ענטפער. מען קען פשוט ענטפערן, "אזא קלוגע שאלה! אזא קלוגע מיידל!"

די קינדער שיינען, די זעלבסט-זיכערקייט גייט ארויף און זיי דארפן נישט צופיל מער.

...

5:30

"היינט קענסטו נישט האבן די פיינע קוקי," זאגט דער טאטע שטרענג פאר

אז איך דארף מארגן ברענגען אין סקול 5 רויטע לאליס. מיר מאכן אן אויסשטעל פון די מכות."

"מממ..... וואו שאף איך יעצט לאליס?"

> איך כאפ מיין זעקל. איך זוך אויף א געלע בליי מיט א שפאקטיוו. "א גוטן, הער אקאונטענט..." איך הייב אן מאכן חשבונות, איבערגיין אין מח, גריבלען און נישטערן און אט האב איך ארויסגעקראצט עפעס וואס איך געדענק.

זופ טאפ, אין דעם פייער. די האנטוך ברענט..!!"

איך כאפ די האנטוך און שליידער עס אריין אין סינק. שכח אייבערשטער. היינט בין איך געווען א וואלאנטיר פאר די פייער לעשער.

7:15

"מאמי," ווענדט זיך מיין מאן צו מיר, "איך האב באקומען א סטעיטמענט פון באנק. עפעס זעט מיר אויס ווי די חשבונות שטימען נישט. געדענקסטו אפשר די פערצענטע פון דעצעמבער, וואו מיר האבן ארויסגעגעבן 460$?"

איך כאפ מיין זעקל. איך זוך אויף א געלע בליי מיט א שפאקטיוו. "א גוטן, הער אקאונטענט..."

איך הייב אן מאכן חשבונות, איבערגיין אין מח, גריבלען און נישטערן און אט האב איך ארויסגעקראצט עפעס וואס איך געדענק. ווייזט אויס אז מיין מח ארבעט בעסער ווי איך האב געמיינט!

7:45

"איך גיי זיך נישט באדן. איך האב נישט ליב צו ווערן קאלט און נאס," פראטעסטירט לאה'לע.

דאס איז א טאג-טעגליכע פארמעסט. לאה'לע מאכט שוועריקייטן יעדעס מאל וואס זי דארף זיך ארומוואשן. וואס טוט מען דא?

אה, איך האב דאך א דעגרי אין קינדער אנטוויקלונג. איך האב דאך א דעגרי אין קינדער פסיכאלאגיע. איך זוך ארויס מיין ביכל מיט מיין שיינע טערעפיסט פעדער.

איך זעץ זיך אנידער אויף מיין פאטעל. אין דמיון איז עס העל בלוי. איך זע אפילו שיינע ווייכע ווייסע קישעלעך. איך שמעק אין דעם נייעם

חיים. חיים איז היינט אהיימגעקומען אביסל צו ווילד. ער האט נישט געפאלגט מערערע מאל. אבער מיין הארץ האט עפעס נישט געקענט צולאזן אז מען זאל זיין שטרענג מיט אים. איך ווייס דאך אז עס איז אים שווער אויפצוכאפן די עברי אין חדר און דאס מאכט אים אביסל שווער צווישן די חברים. אויך האט ער געהאט א במקום-סובסטיטוט רבי די וואך... ער איז עטוואס בארעכטיגט מיט זיין אויפפירונג.

איך טו אן מיין אדוואקאט היטל און פרוביר צו מאכן אן "אפיל" פאר חיים'ס טאטן.

"טאטי, איך מיין אז חיים טוט שוין תשובה. אויב ער וועט זיך זייער שנעל צוגרייטן צו גיין שלאפן, מעג ער אפשר יא האבן די פיינע קיכעלע?"

...

6:30

"מאמי... מיין לערערין האט געזאגט

חנה'לע ווערט אנגעצויגן. "איך **מוז** עס ברענגען..."

"זארג נישט, חנה'לע. ווען דו וועסט גיין שלאפן, וועט מאמי עס גיין קויפן פאר דיר."

איך קוק אריין אין מיין זאק. וואס גייט א "פערסאנאל שאפער" (פערזענליכע איינקויפער) אנגעטון. איך קלער אז א שיינער אנצוג מיט הויכע קנעכל פאסט פאר דעם אמט.

...

6:45

"מ-א-מ-י!!!!! עס ברענט!!!"

אוי באשעפער..... העלף אז אלעס זאל זיין בסדר.

"וואס גייט פאר?"

"אם... איך... האב נישט געוואוסט, נישט געוואלט. איך האב געוואלט די בשמים זאל גוט שמעקן און איך האב עס ארײנגעשטעקט אונטער דעם

"דיפיוזער" וואס גיט ארויס אזא גערוך וואס בארואיגט. איך אטעם אריין און ארויס און איך גיי אריין אין די נפש פון מיין קינד.

יא, איך מיין אז זי האט "סענסערי אישוס" (עמפינדליכקייט צו געוויסע זאכן).



אבער אין אמת'ן, אפגעלאזט אלע נארישקייטן, האב איך זיך טאקע אריינגעלייגט אין די שיך פון מיין קליינע לאה'לע און מיט שכל, מיט שטארקייט און ווארימקייט האב איך איר נאכאמאל געזאגט אז מען מוז זיך גרייטן צו גיין שלאפן.

8:15

"מאמי, איך קען נישט איינשלאפן. איך ציטער אז א גנב גייט קומען."

יא, איך האב אייך געזאגט, פריער בין איך געווען א פסיכאלאג, יעצט בין איך א מענטאר. פריער בין איך געווען א פי. עס. די. יעצט האב איך אנדערע בוכשטאבן אונטער מיין נאמען.

איך זאג נאכאמאל פאר מיין צדיק'ל, שוין מן הסתם די פופציגסטע מאל, אבער איין טאג וועט עס בס"ד אריינגיין אין אים, "דער אייבערשטער איז דא. קיינער קען אונז נישט שלעכטס טון. מיר האבן א מזוזה אויף דער טיר. לאמיר בעטן דעם אייבערשטן. "באשעפער, העלף איך זאל קענען איינשלאפן און איך זאל מורא האבן נאר פון דיר!"

8:45

איך קוק זיך ארום. עס איז צייט צוזאמצורוימען די קאך. איך טו אן דאס היטל פון "הוים ארגענייזער" (ארגאניזירער פון דער הויז) און איך נעם זיך צו דער עבודה. איך צינד אן מוזיק אויף מיינע "עיר פאדס" (נישט צו שטערן די קליינע וואס שלאפן שוין) אז די ארבעט זאל גיין געשמאקער, און נאך פאר וואס און ווען זעט מען שוין ארויס א שטיקל פון אונזער קאך.

שכח אייבערשטער.

9:45

"מאמי...."

"וואס גייט פאר?"

"מיין אויער.... עס טוט אזוי וויי..."

אפס... וואו איז מיין דאקטער כאלאט? אט איז עס!

איך נעם אביסל טיילענאל, אביסל שמן זית און אסאך תפילה און איך בארואיג דאס קינד. "לייג זיך אראפ אויף מאמי'ס בעט און נאך אביסל וועט דיר ווערן בעסער."

...

10:00

איך לייג אוועק די וועש פון וואשצימער. פלוצלינג באמערק איך אז צוויי העמדער פעלן א קנעפל. נו, איך בין דאך א שניידערן פון פאך אויס. מיט מיינע געניטע (מידע) הענט ניי איך שנעל צו די קנעפלעך עס זאל זיין גרייט פאר מארגן.

10:30

"שמע ישראל...." איך לייג ארויף די הענט אויף די אויגן. א מידקייט צעשפרייט זיך אין מיינע גלידער. איך פאק צוזאם מיינע ארבעטס קליידער צוריק אין זאק. עס איז געווען א לאנגער ארבעטסטאג, אבער עס לוינט זיך. באלד קומט די פעיראל (טשעק)! נאך אביסל און מען באצאלט מיט פראצענט...

אין אמת'ן בין איך דאך בארעכטיגט פאר א גוטן שלאף. שלמה המלך זאגט דאך שוין, "די שלאף פון אן ארבעטער איז זיס." נו, איך בין דאך "א ווארקינג מאם" (אן ארבעטס פרוי)! עס קומט מיר א רעכט פארדינטער דרימל.

...

מיין חבר'טע האט געהאט א תקופה וואס זי האט געדארפט ליגן. זי האט זיך נישט געקענט באגיין און אנגיין געהעריג מיט איר ווירטשאפט. אין יענע טעג האט זי געדארפט דינגען אסאך הילף צו רוימען און טון די וועש, אזוי אויך האט זי געדארפט קויפן עסן פאר נאכטמאל און נאך אסאך הוצאות.

זי האט געמאכט א חשבון אז נאר איר פיזישע ווערד איז הונדערטער דאלער א טאג. אבער זי איז נישט גערעכט, ווייל אונזער וואג איז אין גאלד! מיר זענען ווערד פיל פיל מער. אונזער עצם זיין דא פאר אונזערע קינדער האט נישט קיין שאץ און איז נישט עפעס וואס געלט קען באצאלן.

**אזויווי החזן יאסעלע ראזענבלאט ז"ל זינגט אזוי הארציג, "א אידישע מאמע, זי איז די בעסטע אויף דער וועלט, אן אידישע מאמע אוי וויי ווי ביטער ווען זי פעלט... ווי שיין און ליכטיג איז אין הויז ווען די מאמע איז דא... ווי טרויעריג פינסטער ווערט ווען גאט נעמט איר אין עולם הבא..."**

איך געדענק ווען איך האב זיך ארויסגעצויגן פון שטאט, האב איך נאטירלעך אויפגעגעבן מיין ארבעט (נישט אלס מאמע!!!). איידער איך בין ארויס פון שולע, האט מיר די מנהלת פארגינען א גוט ווארט און געזאגט, "מען וועט דיר נישט קענען פארטרעטן."

איך האב איר דאן געזאגט, "יעדן קען מען איבעראל פארטרעטן, חוץ א אידישע מאמע אין איר שטוב!"

א יאר דערויף האט זיך די מנהלת

יא, איך האב אייך געזאגט, פריער בין איך געווען א פסיכאלאג, יעצט בין איך א מענטאר. פריער בין איך געווען א פי. עס. די. יעצט האב איך אנדערע בוכשטאבן אונטער מיין נאמען.

אפגעזאגט פון איר אמט. זי האט מיר דאן גערופן און מיר געזאגט, "איך האב איינגעזען אז דו ביסט גערעכט! יעדן קען מען איבעראל פארטרעטן, חוץ א אידישע מאמע אין איר שטוב!"

אידישע מאמע, אין הימל ביסטו טייער, אידישע מאמע דיין ארבעט לוינט זיך זייער!! אין א בריוו אין עצתו אמונה פרשת יתרו האט דער ראש ישיבה שליט"א געשריבן, "נישטא העכערס ווי אויפציען קינדער!!"

מיר דארפן נאר מאכן תפילה ווי דער ראש ישיבה שליט"א זינגט, "בעט דעם באשעפער כח צו די קינדער!" און פארגעס נישט, ליבע שוועסטער, צו מתפלל זיין פאר אונזערע שוועסטערס וואס ווארטן אויך צו זיין אזוי פאריאגט און פארסאפעט און אזוי אויסגעמוטשעט און אזוי אן כח אזוי ווי דיר.

לאמיר זיך שטארקן מיט אונזער עבודת הקודש און זיך מחזק זיין אז א אידישע מאמע האט קיין ערזאץ און קיין אפשאץ. וואויל איז אונז אז אונזערע טעג גייען אריבער מיט אזא הייליגע "ארבעט" אן קיין טיטלען, אן קיין פרסום, אן קיין רעש, אבער דאך די וויכטיגסטע, העכסטע און חשוב'סטע ארבעט. נאכמער, פון אלע קאריערעס בלייבט גארנישט! אבער פון אונזער ארבעט בלייבט בס"ד נצחיות, שכר לעולמי עד.

אט אט קומט די נחת, אט אט זיצן מיר ביי א טיש ארומגענומען מיט בנים ובני בנים, בניך כשתילי זיתים, און מיר וועלן מיט שמחה זאגן, "אוי האט זיך עס געלוינט!"



ג. פעקעטע




# וואס טוט מען יעצט?

פאר מ'האט געקענט ארויסשרייען דעם מזל טוב, רופט דבורי אן איר חבר'טע חנצי, "זאג מיר וואס מ'דארף יעצט טון חנצי," געבט זי א שריי אויס. "יעצט געב איבער די קעמערע פאר איינעם און זאג זי זאל מאכן בילדער וויאזוי מ'זעצט זיך צום טיש, מיט די פלאש און גלעזלעך, און מ'שרייט אויס די פרייליכע לחיים", זאגט חנצי איר צוריק.

אן קיין שכח אדער ביי, לייגט דבורי אראפ די טעלעפאן און טוט אט אזוי. זי רופט אריין צו איר צווייטע טאכטער, וואס איז געווען איינגעשפארט אין א זייטיגע צימער מיט די איבריגע קינדער, און זי געבט איר די קעמערע מיט די פונקטליכע אנווייזונגען וואס חנצי האט איר געזאגט. "דו זאלסט כאפן בילדער בשעת טאטי און די נייע צוקונפטיגע מחותן זעצן זיך אראפ מיט די מיידל און יונגל, און כאפ אפ וויאזוי זיי ווערן חתן און כלה", האט זי איר איבערגעזאגט וואס חנצי האט געזאגט. מ'זעצט זיך צום טיש, און מ'טרינקט לחיים. "מזל טוב, מזל טוב!" רופט מען אויס.

נאך פאר דבורי איז אפילו געגאנגען צו איר עלטסטע טאכטער, וואס איז יעצט א כלה געווארן בשעה טובה ומוצלחת, לויפט זי צוריק צו איר טעלעפאן און רופט אן חנצי, "אקעי, מזל טוב, וואס טוט מען יעצט?" חנצי טראכט נישט קיין צוויי און זאגט, "רוף אלע באבעס פון אלע זייטן און פארצייל זיי די פרייליכע נייעס. ווען דו האסט געענדיגט רופן די באבעס,

זאלסטו אנהייבן רופן די נאנטע משפחה, און פארגעס נישט ערשט צו מעלדן פאר די שדכן אז מ'האט שוין געטרינקען לחיים."

דבורי הענגט אויף און טוט פונקטליך ווי חנצי האט איר געזאגט. זי אטעמט אריין צו זיך און טראכט, "א נס אז חנצי קען מיר דא שטיין ביי די זייט און העלפן טריט ביי טריט. איך וואלט דאך נישט געהאט די קאפ אויפ'ן פלאץ, און בכלל נישט געוואוסט וואס צו טון ערשט אדער צווייט."

נאכ'ן אפנעמען די מזל טוב'ס פון די באבעס מיט זייערע טייערע ברכות, און לאזן וויסן פאר אלע באקאנטע- נאנטע און ווייטע- פון די פרייליכע שמחה, רופט דבורה ווידער אמאל, "חנצי, וואס טוט מען יעצט? ווי גייט מען ווייטער?"

זי לייגט איר אראפ א פונקטליכע פלאן פאר די נעקסטע פאר שעה, וויאזוי צוצושטעלן איר הויז צו אויפצונעמען די געסט וואס קומען שפעטער ביינאכט צו די ווארט זיך מיטפרייען מיט די שמחה.

חנצי רעכנט אויס אלע גמ"ח'ן וואס זי זאל אנרופן, וואס חנצי האט זיך שוין אליין געמוטשעט ביי די שידוך שליסן פון איר עלטסטע טאכטער, געוואויר צו ווערן אלע די אינפארמאציע.

"דא האסטו די נאמבער פון די בענקל גמ"ח, די טישן גמ"ח, די טישטעכער גמ"ח, די גלעזלעך גמ"ח, די ניסלעך גמ"ח, טשאקלאד גמ"ח, די טרינקען גמ"ח, ווי אויך די פאלשע בלומען גמ"ח.

פארשטייסט דבורי? זאגט זי איר, ס'איז דא אזויפיל חסד היינט, דו קענסט אלעס באקומען אומזיסט אדער פאר גאר ביליג, אבער נישט יעדער האט די פונקטליכע details ווי אנצוקומען צו זיי. נעם די ליסטע וואס איך האב דיר געגעבן, רוף זיי אן איינס ביי איינס, זאג זיי אז די שמחה איז היינט נאכט, גיב זיי דיין אדרעס, און קענסט דיך גיין גרייטן מיט די כלה אויף די שמחה.

"וויאזוי גרייט מען די כלה אויף היינט נאכט?"

חנצי האט איר מסביר געווען פונקטליך וואס א כלה דארף טון לכבוד איר ווארט. "זי דארף האבן א קלייד וואס איז נישט צו שבת'דיג, און נישט צו חתונה'דיג, פארשטייסט דבורי? אזוי אויך נישט ווי מ'גייט צו א תנאים, און אוודאי נישט ווי מ'גייט צו א שבע ברכות. זי דארף האבן אזא סארט קלייד וואס רופט זיך א ווארט קלייד. ס'איז נישט פשוט דאס וואס זי האט אין שאפע, ס'איז אזא געוויסע סארט קלייד, ס'רופט זיך א ווארט קלייד."

חנצי האט איר געזאגט אין וועלכע געשעפט מ'קען באקומען אט די סארט ווארט קליידער, און זי האט איר אפילו צוגעלייגט מיט וועלכע סעילס לעידי צו רעדן ווען זי קומט אן, ווייל יענע פרוי האט אן עקסטערע חוש צוצוטרעפן שנעל און פאסיג וואס מ'זוכט.

"און פארגעס נישט אז דו הייסט שוין היינט 'מחותנת'טע', דיינע אלע קליידער ביז אהער קענסטו נישט נוצן, ס'איז דאך פשוט'ע קליידער, פון היינט און ווייטער מעגסטו נאר גיין מיט מחותנת'טע קליידער, סאו בעט איר זי זאל דיך אויסשטאפירן וויאזוי ס'פאסט פאר א מחותנת'טע."

געזאגט און געטון, מ'האט ערלעדיגט די קליידער. חנצי האט ווידער געגעבן א נאמבער פון איינער וואס מאכט די האר פאר די כלה וואס איז אין געגנט און האט נאך א נארמאלע פרייז, נישט ווי די האר-אויפשטעלנדע פרייזן פון די אנדערע האר-רייסנדיגע האר-מאכערס. דבורה האט זיך נישט געקענט אויפהערן באדאנקען פאר איר חבר'טע חנצי.

"איך בין אזוי גליקליך אז דו האסט שוין דאס אלעס דורכגעמאכט פאר מיר," זאגט זי איר יעדע מאל ביים אראפלייגן די פאון, "אזוי ווייס איך קלאר וואס איך האב צו טון."

ס'איז אריבער די הערליכע ווארט. חנצי איז געשטאנען צו די זייט פון דבורי די מחותנת'טע, און איר א גאנצן צייט באגלייט און ארויסגעהאלפן מיט די נעקסטע טריט: ווען מ'שרייבט אונטער די תנאים, ווען מ'הייבט די גארטל פאר קנין, ווען מ'ברעכט די טעלער, וויאזוי מ'באדאנקט זיך פאר די שיינע צירונג, און אזוי ווייטער.

יעצט איז חנצי אמת'דיג צוניץ געקומען צו דבורי ווען מ'האט זיך אנגעהויבן גרייטן אויף די חתונה. א יעדע מחותנת'טע פארשטייט אז ס'איז דא זאכן וואס דארפן ווערן באשטעלט, ערלעדיגט, און געטון צוצוקומען צו די פרייליכע חתונה נאכט.

מ'רישט אויס א כלה, ווי אויך א דירה. צומאל דארף מען צושטעלן אכסניות פאר נאנטע משפחה צו קענען מיטהאלטן די שמחה, ווי אויך אלע אפוינטמענטס וואס דארפן ווערן באשטעלט ס'זאל שטימען מיט די צייט פון די כלה וואס ארבעט רוב טאג, די מאמע וואס איז שוין איבערגעיאגט, און די פלאץ צו וואו מ'וויל אנקומען אן קיין פלאג.

"איך בין אזוי גליקליך אז דו

האסט דאס געטון בעפאר מיר, חנצי," האלט דבורי אין איין איבערחזר'ן צו איר חבר'טע, יעדע מאל וואס זי קלינגט איר אריין מיט א פאניק אויף די נעקסטע שריט וואס דארף ווערן געטון. חנצי האט איר אלעס קלאר געשטעלט און פארגרינגערט מיט איר ערפארונג וואס זי האט זיך געלערנט מיט בלויז א קורצע צייט צוריק ביים חתונה מאכן איר אייגענע קינד.

ווען ס'איז געקומען די יום החתונה האט חנצי באגלייט איר חבר'טע דבורי מיט די גאנצע משפחה צו די זאל. דארט האט זי זיי צוגעשטעלט אביסל צו עסן און טרינקען זיך צו קענען כאפן די אטעם, און האט יעדעם אנגעטון קאפ ביז פיס. דבורי האט זיך נישט געקענט גענוג באדאנקען פאר די חסד, און האט געזאגט מערערע מאל אז זי קען זיך נישט פארשטעלן וויאזוי איר טאג וואלט אויסגעקוקט אן חנצי ביי איר זייט וואס זאל איר ארויסהעלפן זיך גרייטן צו גיין צום חופה רואיגערהייט און פאר איר שטענדיג דערמאנען נישט אויפצוהערן שעפשן תפילות ס'זאל זיין א פרייליכע שמחה, און אן אייביגע שמחה.

חנצי האט זיך צעשמייכלט ערגעץ אינמיטן, און זי פארציילט אין קורצן פאר איר חבר'טע דבורי ווי שווער עס איז איר אנגעקומען די יום החתונה. זי האט דאך נישט געהאט א חנצי ביי איר זייט וואס זאל איר זאגן אז ס'איז גוט צו האבן איבריגע הענט צו העלפן אנטון די קלענערע קינדער, ווי אויך די כלה'ס חתונה קלייד און אזוי ווייטער. זי האט אלעס אליין געטון און עס איז איר געווען היבש אנגעשטרענגט.

"פארשטייסט," זאגט זי פאר דבורי, "איך האב עס אליין דורכגעמאכט, דעריבער פריי איך זיך מיטצוטיילן מיט דיר וואס איך קען נאר, צו פארגרינגערן דיין שמחה."

- - -

"איך בין אזוי גליקליך אז דו האסט עס געטון פאר מיר," טראכט איך צו זיך בשעת די מגילה. ווען מ'ליינט פאר די מעשה וויאזוי א יונגע מיידל, א יתומה, איז באצווינגען געווארן אריינצוגיין אין אחשוורוש'ס פאלאץ, אין די טיפסטע טומאה, און דארט זיך געדארפט אן עצה געבן. ביים אריינקומען און פאלאץ האט זי געשפירט ווי די קדושה פארלאזט איר, זאגט דער ראש ישיבה. זי האט אויסגעשריגן אין געוויין - קלי קלי למה עזבתנו?

"פארשטייסט," זאגט זי פאר דבורי, "איך האב עס אליין דורכגעמאכט, דעריבער פריי איך זיך מיטצוטיילן מיט דיר וואס איך קען נאר, צו פארגרינגערן דיין שמחה."

דאס איז דאך אונזער מסורה - אונזער וועג וואס מיר לערנען פון די פריערדיגע פרויען- נשים צדקניות פון תנ"ך- אויסשרייען צום טאט'ן און הימל ווען מען איז און א צרה, און א קלעם, ווען מ'טרעפט זיך אין די נישט גוטע- בחיקו של אחשורוש- שרייט מען פון דארט צום אייבערשטן.

מ'זעט ווייטער - אסתר האט געהאט א שווערע נסיון. ס'איז געהאנגען א גזירה פון טויט איבער די אידן. אבער וויאזוי איז ארויסגעקומען אונזער שיינע און פרייליכע יום טוב פורים? נאר דורכדעם וואס זי האט אויסגעשריגן צום אייבערשטן און זיך צוגעהערט צו די קול פון די צדיק, צו איר פעטער מרדכי הצדיק.

מיט די אייגענע שכל קען מען נישט צופאסן וואס איז אמת'דיג און ריכטיג אין יעדן מצב. עס וואלט דאך אויסגעקוקט טויט שטראף אז אסתר זאל גיין זיך דרייען אין די נידריגסטע פלאץ אויפן וועלט. אבער מרדכי הצדיק האט איר געזאגט דאס צו טון, און זי האט געפאלגט אן קיין קשיות. טריט ביי טריט האט זי געטון וויאזוי מרדכי הצדיק האט איר אנגעזאגט, ווען זי האט אים געטראפן יעדן טאג - ומרדכי יושב בשער המלך.

א צדיק זיצט דאך ביים שער המלך, ביים אייבערשטן אליין. פאר אונז מענטשן איז נישט אזוי קלאר




וואו ס'איז די שער המלך, און וויאזוי קומט מען דארט אן. אבער צדיקים זיצן דאך ביים שער המלך, און אזוי קענען זיי אונז פירן און ווייזן די ריכטיגע וועג, מיר קענען דאס נישט אליין אויסטרעפן.

ברוך השם אז ביים חתונה מאכן דארף מען נישט זיין אזוי צומישט און אנגעצויגן ווי דבורי, מיר דארפן נישט רופן א חבר'טע יעדע מינוט פרעגן וואס מ'האט צו טון יעצט, ווייל מיר האבן דעם צדיק ביי אונזער זייט וואס מאכט אונז די גאנצע חתונה מאכן גרינג און געשמאק, און לייגט אונז אריין אין קאפ די שכל צו וויסן אויפן פלאץ וואס מ'האט צוטון.

מיר קענען צוריקקוקן אין די תורה און זען ס'איז געווען נאך אסאך חשוב'ע ערליכע פרויען, נשים צדקניות, וואס האבן אזוי געטון. זיי זענען נאכגעגאנגען א צדיק, און דורכדעם געזען גרויסע נסים, גרויסע ישועות, און אפילו געברענגט גאולות פאר כלל ישראל. אונזערע אמהות האבן געטון פונקטליך אזוי - פשוטע תפילות - וואס זיי האבן געזען ביי אברהם, יצחק און יעקב. יהודית איז געווען די גוטע שליח צו ברענגען דעם נס חנוכה פאר די אידישע קינדער.

אן אסתר ווייס איך נישט ווי די אידן וואלטן געווען. אלעס איז דאך געווען אין איר זכות, טראץ דעם וואס עס האט אויסגעקוקט ווי א גרויסע צרה אז מ'נעמט איר צום פאלאץ, אבער וויבאלד זי האט זיך געשטארקט אין איר נסיון מיט תפילה און תמימות, און געגאנגען צו אחשוורוש, ווייל מרדכי הצדיק האט איר געזאגט זי זאל גיין, איז ארויסגעקומען פורים אין איר זכות.

שטארק דיך!! "אפשר איז דאס וואס דו גייסט יעצט אריבער די סיבה וואס דו ביסט דא?"

מיר ווייסן דאך, בזכות נשים צדקניות נגאלו ישראל ממצרים, און בזכות נשים צדקניות וועלן מיר נאכאמאל ארויסגיין פון אונזערע גלות.

לאמיר צוריקקוקן צו די אמהות און די נביאות, זיי נאכמאכן די פרט. מיר דארפן עס נישט אליין אויסטרעפן, מיר האבן וועם נאכצוגיין. כאטש עס איז שווער, צומאל שפירט מען ווי מ'טוט פונקט פארקערט פון ריכטיג, אבער ביים פאלגן א צדיק קומט נאר ארויס ישועות.

**קרעדיט ד. מ.**

# הער א מעשה

רופט אריין מיט אייער מעשה צו ל. וועבערמאן 845-662-4083 אדער שיקט צו Inderheim@bletelmagazine.com

## ל. וועבערמאן
קרית ברסלב

איך האב געוואלט באקן חלות לכבוד שבת קודש, איך נעם ארויס די מיקסער אבער איך קען בשום אופן נישט טרעפן די קליינע שטיקל וואס קאננעקט די גאפל צו די שיסל. איך האב צוגעזאגט א מעשה פון תפילה אויב איך וועל עס טרעפן, אבער למעשה האב איך עס נישט געקענט טרעפן. דער אייבערשטער האט געהאלפן אז מיין שכנ'טע האט מיר געקענט בארגן איר, אבער מיינס איז מיסטעריעז באהאלטן.

די קומענדיגע מאל מ'וויל באקן כאפ איך זיך, אוי כ'האב נאכנישט געטראפן די קליינע שטיקל. מ'בארגט נאכאמאל פון די שכנ'טע אבער איך וויל מיין אייגענע. כ'בעט דעם אייבערשטן אז קומענדיגע מאל זאל איך עס שוין האבן נישט קיין חילוק צו ס'איז טרעפן די אלטע אדער א נייע. נעקסטע מאל דאנערשטאג א נאכט פאר איך וויל באקן דערמאן איך זיך פון דעם. איך רוף די האויזוועך געשעפט וואס איז דא אין די מאונטענס 15 מינוט אוועק, און יא זיי האבן אזאנס צו פארקויפן, שכח אייבערשטער, אבער וויאזוי קומט דער קאך איבער'ן וואסער?

מיין מאן שיקט א טעקסט אויף די גרופ אויב איינער איז אין יענע געגנט און קען עס ברענגען. איך האב געטראכט פארוואס זאל איינער פונקט זיין דארט? אבער איך בעט דעם אייבערשטן, ממש אונטער א מינוט רופט אונזער שכן אז ער איז דארט און אין א קורצע צייט האט ער עס געברענגט ביז מיין טיר.

פרייטאג צופרי, איך וויל שוין באקן אבער איך כאפ זיך אז מ'דארף עס טובל'ן, איך בעט ווייטער דעם אייבערשטן מ'זאל שוין קענען באקן חלות פאר שבת קודש. מיין מאן דארף שוין לויפן צום ארבעט אבער קודם נעמט ער עס מיט.

מיין גרויסע מיידל שטייט אינדרויסן ביי די באס צו שיקן מיין קליינע יונגל אין חדר, זי קומט צוריק מיט א מתנה, די וויכטיגע שטיקל פאר די מיקסער איז דא צוריק געטובל'טערהייט, מיין מאן איז אדורכגעפארן און עס איבערגעגעבן.

שכח אייבערשטער פיינע חלות איז ארויסגעקומען!

## מ. שטראססער
קרית ברסלב

איך האב א תפילה בוך וואו איך שרייב אריין יעדע זאך וואס איך וויל קויפן. עס שטייט דארט זאכן וואס איך דארף וויכטיג, און איך האב נאכנישט געהאט די געלט, אדער דארף איך אנקומען אין שטאט פאר דעם. נאכדעם זענען דא זאכן וואס זענען נישט לעבנסוויכטיג, אבער כ'וואלט עס געוואלט האבן.

שכח אייבערשטער אז מיין מאמע האט געהאט א בעיבי און איך האב איר געקענט העלפן מיט דעם, צו בעיביסיטן איינע פון די קליינע קינדער. מיין מאמע האט מיר געפרעגט וואס זי קען מיר געבן אלץ מתנה, האב איך איר געזאגט אז ס'פעלט נישט אויס, איך טו עס פאר די מצוה, און ב"ה ס'פעלט מיר גארנישט. אבער זי האט דאך געוואלט געבן, האב איך זיך דערמאנט אז אזויוי זי וואוינט אין בארא פארק קען זי מיר ערלעדיגן זאכן פון מיין תפילה בוך.

איך האב איר געבעטן די פאר קלייניגקייטן און זי האט מיר עס געקויפט און אפגעשיקט צו מיין הויז. פאר מיר איז עס געווען א עכטע גוטע מתנה, ווייל ס'איז געווען פונקט וואס איך דארף.

# א פלעצ'לאך [illegible]ורים





# קינדער היים

# דעם רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**




**ענטפער פון פאריגע וואך:**

רבי נתן האט געזאגט: "ווער ס'וועט לערנען ליקוטי מוהר"ן וועט גערעטעוועט ווערן פון די ווערעם אין קבר"

## ברסלב'ע חידות

**צדיקים זאגן, עס לוינט זיך אראפצוקומען אויף די וועלט און עס זאל איבערגיין וואס גייט איבער, אבי זוכה זיין צו**

א. זיין א איד
ב. אריינכאפן א דאווענען
ג. רעדן צום אייבערשטן
ד. הערן איין מאל די מגלה

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי האט געזאגט: איך גיי אויף א נייע וועג, אבער וואס פירט צוריק צום אלטן וועג

## געב א שמייכל

**וואס קען מען זיך ארויסלערנען פון פרשת תצוה?**

*אז אפילו מ'האט נישט קיין דזשאוק פאר אט דעם אפטיילונג לאזט מען עס נישט ליידיג...*

געברענגט צו אייך דורך הר"ר אלחנן חיים רוטה שליט"א - גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט



## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה** – חלק שני

**יד. אִשָּׁה הַזְּהִירָה בְּחַלָּה, בָּנֶיהָ בַּעֲלֵי אֱמוּנָה.**

אַ פְרוֹי וָואס אִיז גֶעוָואָרְנְט אָפְּצוּשֵׁיידְן חַלָּה, וֶועלְן אִירֶע קִינְדֶער הָאבְּן אֱמוּנָה.

# היימיש

א
מעשה'לע
פונדערהיים
פארן
קינדערהיים

## אן "עסק" מיט משלוח מנות...

בלומי איז נישט געשלאפן די נאכט פאר פורים. מיינטס נישט אז זי האט אזויפיל געדארפט העלפן. אייגנטליך האט זי יא געדארפט, אבער נישט צוליב דעם איז זי נישט געשלאפן. זי איז נישט געשלאפן ווייל זי איז געווען פארנומען מיט מאכן א הערליכע משלוח מנות פאר איר חבר'טע אסתי.

אלע געשוויסטער האבן שוין חוזק געמאכט פון איר.

"בלומי, דו ביסט שוין פארנומען מיט דיין משלוח מנות לענגער ווי אחשוורוש איז געווען פארנומען מיט זוכן א כלה," האט איר ברודער חיים משה גע'טענה'ט.

"מען קען מיינען אז דו גרייטסט צו א סעודה פאר אסתר המלכה," האט איר שוועסטער צוגעלייגט.

בלומי האט זיך נישט ווייסנדיג געמאכט.

זי האט ווייטער פלייסיג געארבעט. זי האט געצויגן 'ריבאנס' און געקלעבט גלאנציגע פאפירן. זי האט געמאלן, געשניטן און געקלעבט.

"בלומי, אפשר לייגסטו צו א האנט צו די פורים הכנות?" האט די מאמע זיך געבעטן.

"אבער מאמי, איך מוז ענדיגן..." האט בלומי זיך געבעטן ממש מיט טרערן.

...

בלומי האט זיך געהאט אפגעשמועסט מיט איר חבר'טע אסתי אז דאס יאר וועלן זיי מאכן א שטיקל פארמעסט צווישן זיך און זען ווער עס וועט קענען אויפקומען מיט דעם מערסטן אריגינעלן בייפאל פאר משלוח מנות. דערפאר איז בלומי געווען אזוי פארנומען. זי האט געדארפט אהערשטעלן עפעס ספעציעל.

פורים אינדערפרי, גלייך נאך מגילה ליינען, האט בלומי זיך ארויסגעיאגט און איז געלאפן אפטראגן איר משלוח מנות פאר אסתי.

אסתי האט איר אויפגענומען זייער פריינטליך און באמת באוואונדערט איר מייסטערווערק.

"דו טויגסט," האט זי געזאגט מיט שעצונג.

"ווארט נאר ווארט," האט זי צוגעלייגט מיט מיסטעריע, "באלד באקומסטו אויך עפעס ספעציעל."

בלומי איז אהיימגעקומען מיט שפאנונג. וואס וועט איר אסתי שיקן? לויט די בליץ אין אסתי'ס אויגן האט זי פארשטאנען אז עס איז עפעס קנאקעדיג.

בלומי האט געווארט. עס איז אריבער א שעה און דאן נאך איינס, אבער אסתי האט זיך נישט באוויזן. ווען עס איז געווארן



"זייער אן אומגעלונגענע פורים שפיל," האט זיך בלומי אנגערופן דערביטערט. "איך ארבעט שעות און זי שיקט מיר אליידיגע באקס... באמת נישט שיין פון איר."

נאך צוועלף אזייגער האט די מאמע זיי אונטערגעיאגט.

"זיידיווארט אויף אונז. לאמיר גיין." בלית ברירה איז בלומי אריין אין קאר און געפארן קיין מאנרא צו די זיידע-באבע.

"פארפאלן," האט זי געטראכט, אביסל דערביטערט, "איך וועל מוזן זען די משלוח מנות ביינאכט, ווען איך קום אהיים."

מוצאי פורים ווען בלומי איז אנגעקומען אהיים, איז זי ארויפגעלאפן די טרעפ צוויי אויפאמאל. זי איז צוגעלאפן צום טיר און מיט פרייד באמערקט אז עס איז דא א באקס ביים טיר.

אויף דער באקס איז געווען אויפגעשריבן, "שמחת פורים בלומי."

בלומי האט אויפגעהויבן די באקס און איז אריינגעלאפן אינעווייניג. זי האט זיך אביסל געוואונדערט אז די באקס איז אזוי לייכט, אבער זי האט נישט צופיל אריינגעטראכט.

זי האט אויך נישט געהערט די בהלה וואס טוט זיך אפ ביים טיר.

"וואס גייט דא פאר?" האט די מאמע געפרעגט היסטעריש.

אלע קינדער זענען געקומען צולויפן און מען האט זיך דערזען שטיין נעבן א ים סוף. "וואס גייט פאר?" האבן אלע קינדער זיך געוואונדערט.

"מן הסתם האט א רער געפלאצט," האט דער טאטע באשטימט.

אלע קינדער זענען אריינגעלאפן און געברענגט שמאטעס. מען האט אנגעהויבן ווישן און ווישן.

"וואו איז בלומי?" האט די מאמע געפרעגט.

יעדער האט זיך ארומגעקוקט. קיינער האט נישט געוואוסט.

"דא..." האט זיך פלוצלינג געהערט א געשטיקטע קול.

די קינדער זענען נאכגעגאנגען דעם קול און איר געפונען אין איר שטוב, בשעת טרערן רינען פון אירע אויגן.



# היימיש

"נאך א ים סוף," האט דער קליינער זלמן געלאכט.

בלומי האט נישט צוריקגעשמייכלט. זי איז געזעסן אויף איר בעט גאר ערנסט.

"מאמי, קוק וואס אסתי האט מיר געשיקט," האט זי געזאגט מיט א געשטיקטער שטימע.

זי האט געוויזן פאר איך מאמע די באקס. די מאמע האט אריינגעקוקט. עס איז געווען ליידיג...

א קליינע צעטל איז ארויסגעפאלן. עס איז געשטאנען:

"צו וואס דארף מען מאכן אן עסק פון משלוח מנות?"

די מאמע האט געקוקט צום באקס און דאן צו בלומי. זי האט זיך באמת געשפירט שלעכט פאר בלומי.

זי האט דאך געוואוסט וויפיל שעות בלומי האט אריינגעלייגט אין איר משלוח מנות. זי האט זיך געוואונדערט פארוואס אסתי האט איר אזוי אויסגעשפילט.

"פארוואס?" האט בלומי געוויינט.

די מאמע האט איר פרובירט צו בארואיגן. "לאמיר דן זיין לכף זכות."

"אפשר האט זי דיר געוואלט מאכן א פורים שפיל?" האט חי' בריינדי, איר עלטערע שוועסטער, פרובירט איר צו העלפן.

"זייער אן אומגעלונגענע פורים שפיל," האט זיך בלומי אנגערופן דערביטערט. "איך ארבעט שעות און זי שיקט מיר א ליידיגע באקס... באמת נישט שיין פון איר."

...

א טאג נאך שושן פורים איז בלומי צוריקגעקומען אין סקול. זי האט זיך שוין אביסל בארואיגט פון איר ווייטאג, אבער ווען זי האט געזען אסתי פאר די אויגן איז זי נאכאמאל געווארן אויפגעברויזט.

נאך מער, האט זי זיך גבייזערט, ווען אסתי איז אריבערגעקומען צו איר מיט א ברייטן שמייכל און געפרעגט "נו, וואס זאגסטו צו מיין משלוח מנות?"

בלומי האט איר אפילו נישט געוואלט ענטפערן. זי איז געווען אזוי פארווייטאגט און זי האט געשפירט אז זי גייט נאכאמאל וויינען.

זי האט זיך שנעל אוועקגעדרייט פון אסתי און איז ארויס פון קלאס.

אסתי איז געבליבן שטיין פארלוירן. "פארוואס איז בלומי ברוגז?"

זי איז ארויס פון קלאס און נאכגעשריגן איר חבר'טע.

"בלומי, בלומי. ביסט ברוגז?" האט זי איר געפרעגט.

בלומי האט זיך אויסגעדרייט. זי האט נישט געקענט צוריקהאלטן אירע טרערן.

"יא, איך בין ברוגז," האט זי אויפריכטיג געזאגט.



א
מעשה'לע
פונדערהיים
פארן
קינדערהיים

"פ...פאר...פארוואס?" האט אסתי פרובירט צו פארשטיין.

"פארוואס?! ווייל איך האב אזוי שווער געארבעט פאר מיין משלוח מנות..."

"איך אויך," האט אסתי נישט פארשטאנען.

"מאכסט חוזק פון מיר?"

"ניין... פארוואס טראכסטו אזוי?"

"ווייל איך האב באקומען א ליידיגע באקס."

אסתי איז געווען שטיל. יעצט איז געווען איר רייע צו וויינען.

"דו מיינסט עס אמת'דיג?" האט זי געזאגט מיט א געשטיקטע קול.

בלומי האט צוגעשאקלט מיט'ן קאפ.

אסתי האט זיך שטיל געווישט אירע טרערן.

"בלומי, דו ווייסט ווי שווער איך האב געארבעט? איך בין אויף געווען שעות. האסט נישט געזען מיין גאנע ארבעט וואס איך האב אריינגעלייגט? איך האב געמאכט א גאנצע מגילה פון אייז... אויף די מגילה האב איך אריינגעקריצט א גאנצע בריוו פאר דיר. די אייז איז געווען קאלירט. פרעג נישט...." אסתי האט געשמייכלט צווישן די טרערן.

"איך האב עס געשיקט מיט מיין ברודער. ער האט מיר נישט דערציילט אז דו ביסט נישט געווען אינדערהיים. איך וואלט עס קיינמאל נישט דארט געלאזט."

בלומי האט אנגעקוקט איר חבר'טע. זי האט געשפירט אזוי שלעכט פאר איר. "האסטו כאטש געגומען א בילד?" האט זי איר געפרעגט.

"יא, איך וועל דיר עס ברענגען," האט אסתי איר פארזיכערט.

"אה, יעצט פארשטיי איך דיין צעטל 'אן עס'ק מיט משלוח מנות...' און אויך די וואסער וואס האט זיך געגאסן אויף די טרעפ, ווען מיר זענען אהיימגעקומען."

"ווייסט, אסתי, איך מיין אז נעקסטע יאר, משיח זאל דא זיין פריער, זאלן מיר טאקע נישט מאכן קיין עסק פון משלוח מנות, נאר אנשטאט דעם העלפן אונזערע מאמעס לכבוד פורים! די שענסטע משלוח מנות וועט זיין ווען מיר וועלן מער נישט זיין פארנומען מיט נארישקייטן, נאר אריינכאפן זאכן וואס בלייבן מיט אונז, ווי העלפן די מאמע און זאגן אביסל תהלים, התבודדות און רעדן שיין צו די געשוויסטער."

## "אה, יעצט פארשטיי איך דיין צעטל 'אן עס'ק מיט משלוח מנות...' און אויך די וואסער וואס האט זיך געגאסן אויף די טרעפ, ווען מיר זענען אהיימגעקומען."

אסתי האט צוגעשטימט מיט'ן גאנצן הארץ. זי האט זיך געלערנט א דאפלטע לעקציע:

צום ערשט האט זי זיך געלערנט דן צו זיין יעדן לכף זכות, אפילו עס זעט אויס "געפערליך!"

און דערנאך האט זי געהאט א גוטן מוסר ספר, וואספארא רחמנות עס וועט זיין אויף א מענטש ווען ער קומט ארויף צוריק צום אייבערשטן און ער זעט די אמת. מענטשן פארברענגען אזויפיל צייט אויף שטותים און נארישקייטן, וואס עס בלייבט דערפון גארנישט.

עס זענען נעבעך דא נשמות וואס קומען ארויף מיט א ליידיגע באקס. זיי האבן אפשר אזוי שווער געארבעט אויף דער וועלט, אבער פאר נישט ריכטיגע סיבות. אפשר האבן זיי געארבעט צו באאיינדרוקן חבר'טעס און מענטשן. אפשר זענען זיי געווען פארנומען מיט קליידער און אנדערע נארישקייטן. ענדערש לאמיר זיין פארנומען מיט תכלית, מיט מצוות, מיט אמת, מיט זאכן וואס וועלן אונז באגלייטן אויף אייביג אייביג...

לאמיר יעצט מאכן א תפילה אז מיר זאלן ארויפקומען צום אייבערשטן מיט א שיינע משלוח מנות!

# שרייב טישל

הייב אן אריינצופילן יעדע ליין פון אויבן ביז אונטן צו זען א בילד פון **הייליגן מנחת אלעזר ממונקאטש זי"ע**



בילד פון פארגאנגענע וואך: **רבי אברהם מתתיהו משטעפינעשט זי"ע**



שיק אריין צום קינדערהיים ווי שיין דו האסט געקאלערט דעם פעידזש
און די שענסטע וועלן אריינגיין אין די קומענדיגע בלעטלעך אי"ה





געווינער פון פארגאנגענע וואך: **אדי פערל**

# יארצייט פון די וואך

דעם קומענדיגן פרייטאג י"ז אדר געפאלט די יארצייט פון דעם הייליגן רבי שמעון סופר זצ"ל. ער איז געווען דער זון פון דעם הייליגן חתם סופר.

---

"איך האב שוין נישט קיין כח," האט זיך געהערט א שוואכע קול פון בעט.

טאטע און מאמע שטייען באזארגט נעבן דאס בעטל פון זייער קליין קינד. זייער קינד פילט זיך נישט גוט און ער ווערט שוואכער און שוואכער. דער דאקטער איז שוין פריער געווען אין שטוב און ליידער האט ער געזאגט פאר דעם טאטן און מאמע אז עס איז שוין נישט דא וואס צו טון מיטן קינד. דער דאקטער האט געזאגט אז דאס קינד גייט ח"ו שטארבן.

אבער א דאקטער ווייסט נישט וואס גייט זיין. א דאקטער האט רשות נאר צו היילן א מענטש און נישט צו זאגן וואס עס גייט געשען מיט א מענטש.

טאטע און מאמע האבן נישט אויפגעגעבן. א גאנצע נאכט זענען זיי געזעסן מיט א תהלים נעבן זייער קראנק קינד און געבעטן דעם אייבערשטן פאר א רפואה.

ליידער האט אבער אויסגעזען אז דער דאקטער איז געווען גערעכט. מיט יעדע מינוט וואס איז אריבער איז דאס קינד געווארן שוואכער און שוואכער, ביז ער האט אויפגעהערט צו אטעמען און עס האט אויסגעזען ווי ער גייט שוין אט אט שטארבן.

דער טאטע איז געווארן אזוי צובראכן, אז ער איז ארויסגעלאפן פון שטוב. ער האט נישט געוואלט זען ווי זיין טייער און באליבט קינד שטארבט.

עס איז שפעט ביינאכט. דער טאטע דרייט זיך אין די טונקעלע גאסן ווען פלוצלינג זעט ער אז ביים רב, רבי שמעון סופר זצ"ל, ברענט נאך א ליכט. דער פארווייטאגטער טאטע האט אריינגעקוקט פון פענסטער און געזען אז דער רב לערנט תורה. ער האט נישט געטראכט קיין צוויי, נאר גלייך איז ער אריינגעלאפן און אנגעהויבן זייער שטארק צו וויינען און געבעטן דעם רב זאל אים העלפן מיט א ישועה.

דער רב האט זיך פארטראכט און דערנאך האט ער גענומען זיין טאשטיכל (האנטוך'ל) און עס געגעבן פאר דעם פארוויינטן טאטע.

"איר דארפט נישט זארגן. אייער זון וועט האבן א רפואה שלימה. נעמט דאס טאשטיכל און לייגט עס אויף זיין שטערן און ער וועט ווערן בעסער.

"אבער, איך בעט אייך צוויי זאכן. איינס, ברענגט מיר צוריק דאס טאשטיכל און צוויי, דערציילט נישט פאר קיינעם די מעשה."

דער איד האט אזוי געטון, און ווי נאר ער האט געלייגט דאס טאשטיכל אויף דעם שטערן פון זיין קראנקן קינד האט דאס קינד אנגעהויבן צו אטעמען און ער האט אנגעהויבן צו ווערן בעסער און בעסער.

דעם נעקסטן אינדערפרי איז דער איד צוריקגעגאנגען צום רב און זיך באדאנקט פאר דעם נס. דער רב, מיט זיין ענוה האט מסביר געווען אז די סיבה פארוואס ער האט געקענט פועל'ן א ישועה איז ווייל דאס טאשטיכל ליגט ביי אים ווען ער לערנט, און מיט דעם ווישט ער זיך אפ זיין שטערן ווען ער ווערט פארשוויצט אינמיטן לערנען. די הייליגע שווייס, פון "יגיעת התורה", פלאג פון תורה, דאס האט געברענגט די רפואה פאר זיין קינד.

רבי שמעון האט געבעטן דעם איד אז ער זאל נישט דערציילן די מעשה פאר די שטאטס-לייט, ווייל אזוי אויך איז ער פארנומען א גאנצן טאג מיט העלפן מענטשן און נאר ביינאכט קען ער לערנען תורה. אבער אויב מענטשן וועלן געוואויר ווערן אז דער רב איז אויף ביינאכט, וועלן מענטשן אים קומען און שטערן ביינאכט פון לערנען...

מיר לערנען זיך פון די מעשה די גרויסקייט פון לערנען תורה. אז א איד לערנט תורה קען מען זוכה זיין צו אלע ישועות און רפואות אין זכות פון תורה. לאמיר בעטן דעם אייבערשטן אז מיר זאלן זוכה זיין צו לערנען יעדן טאג תורה, ביז מיר וועלן זוכה זיין צו ווערן גרויסע צדיקים.

דער הייליגער רבי

# שמעון סופר

זי"ע

יארצייט:
י"ז אדר



# טרעפליך

**טרעף די
פאלגענדע
בילדער**












Stop



# דער מלמד דערציילט

## די משלוח מנות האט געראטעוועט

דעם פארגאנגענעם פורים בין איך ארויס אין גאס צו טראגן משלוח מנות פאר אונזערע שכנים און גוטע פריינט. אויפ'ן וועג ארויס הער איך ווי מיין מאמע שרייט צו מיר, "העי, פאליציי... האלט!... דיינע אויגן-גלעזער גליטשן זיך אראפ."

איך האב זיך אויסגעדרייט מיט די משלוח מנות אין מיין האנט און איר געזאגט, "מאמי, וואס זאל איך טון? זיי זענען מיר צו גרויס. מיר דארפן קויפן נייע." מיין מאמע האט מיר אבער אנגעקוקט שטרענג.

"יוסי," האט זי געזאגט, "דאס איז שוין דיין צווייטע פאר אויגן-גלעזער דעם חודש. איך וויל נישט הערן אז דו דארפסט א דריטע. יעצט," האט זי צוגעלייגט אין א פורים'דיגע שטימע, "לויף שנעל אריבער צו גרינוואלד און קום שנעל צוריק אהיים ווייל מיר ווילן שוין אנהייבן די פורים סעודה ביז א האלבע שעה."

איך האב געשמייכלט צו מיין מאמע און פאררוקט מיין פאליציי היטל. "לעבעדיג! פריילעך! עס איז פורים אויף דער וועלט!" האב איך אויסגערופן בשעת איך בין אראפגעשפרונגען די טרעפ.

איך האב זיך אונטערגעזונגען א פריילעך לידל און געריכט מיינע טריט צו ספרינג סטריט, וואו גרינוואלד וואוינט. איך האב געקענט דעם וועג. מיר זענען געווען גוטע משפחה פריינט, און זלמן גרינוואלד גייט אפילו אין מיין חדר. מיר לערנען אפט צוזאמען און איך גיי אהין שפילן פון צייט צו צייט.

גייענדיג אויפ'ן גאס האב איך הנאה געהאט צו באטראכטן דעם פורים געפילדער. פרייליכע פארשטעלטע קינדער זענען אדורכגעלאפן מיט משלוח מנות אין די הענט. פון איין פענסטער האט זיך געהערט געזאנג און פון א צווייטן פענסטער האט זיך ארויסגעהערט פרייליכע מוזיק. אויך א קאר איז אדורכגעפארן וועלכע האט געשפילט פרייליכע לידער...

איך בין געווען אזוי אריינגעטון אין מיינע פרייליכע געדאנקען אז איך האב נישט באמערקט דעם גרויסן (פארשטעלטן) בער וואס איז געקומען פונקט אנטקעגן מיר. ווען איך האב באמערקט איז שוין געווען צו שפעט...

איך האב זיך פלוצלינג געטראפן אויף דער ערד, מיין גאנצע משלוח מנות אויסגעגאסן און מיינע ברילן... ערגעץ אויפ'ן טראטואר פארווארפן! איך האב זיך געריבן מיין קאפ מיט שרעק און זיך ארומגעקוקט. דער בער אינאיינעם מיט זיין שוועסטער זענען געשטאנען דארט פארשעמט און דערשראקן. "אוי, אנטשולדיגט," האבן זיי זיך פארענטפערט.

"עס זעט אויס אז זיין מאסקע איז צו גרויס און ער זעט נישט," האט זיין גרויסע שוועסטער צוגעלייגט.

זי האט זיך פלינק אראפגעבויגן און אויפגעהויבן די משלוח מנות. עס איז געווען קאמיש צו זען וויאזוי זי איז נאכגעלאפן דעם מאראנץ וועלכער האט זיך אראפגעקוילערט אויפ'ן גאס און עס צוריקגעשטעלט אויפ'ן טאץ נעבן דעם וויין. איך האב שנעל צוריקגעלייגט מיין מאמע'ס געבעקס און עס פרובירט צוריקצושטעלן אזויווי עס האט געדארפט צו זיין. "עס איז בסדר. זארגט אייך נישט," האב איך געזאגט צום בער. "א שמחת פורים..."

דער בער מיט זיין שוועסטער זענען ווייטער געגאנגען און איך בין געבליבן מיט די אויפגעווארפענע משלוח מנות אין מיין האנט... און אן מיינע ברילן. איך האב זיי פרובירט אויפצוזוכן און ווען איך האב זיי ענדליך געטראפן איז מיר שלעכט געווארן. די גלעזער זענען געווען צעפיצלט אויף

שטיקלעך. איך האב געוואוסט אז מיין מאמע וועט עס ווייטון, איך האב נישט געוואוסט וואס צו טון. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז מיין מאמע זאל מיר פארשטיין און נישט זיין ברוגז אויף מיר.

עס איז מיר אבער נישט איבערגעבליבן צופיל צייט צו טראכטן דערפון, ווייל איך האב זיך אהיימגעיאגט צו דער סעודה. דעריבער בין איך געגאנגען אן מיינע גלעזער און זיך אנגעשטרענגט נישט אריינצוקלאפן אין נאך מענטשן. איך האב זיך איינגעדרייט אויף ספרינג סטריט און אנגעהויבן זוכן דאס הויז.

דא איז שוין געווארן א שטיקל פראבלעם, ווייל אלע הייזער אויף ספרינג סטריט זענען געווען געבויעט אין אן איינציגן אויסזען און אן מיינע גלעזער האב איך נישט געקענט זען אויף וועלכן פאסט-קעסטל עס שטייט "גרינוואלד."

איך האב אנגעשטרענגט מיינע אויגן און געזוכט. עס איז מיר אבער נישט געלונגען. דאן האב איך געזען די נומער 52.

איך האב געטראכט צו זיך אז איך בין כמעט זיכער אז דא וואוינט גרינוואלד. עפעס האט מיר די נומער געקלינגען זייער באקאנט.

מיט זיכערע טריט האב איך אנגעהויבן ארויפצוגיין אויף די טרעפ, און דאן האב איך אויסגעגראדט מיין רוקן. "איך בין דאך היינט דער פאליציי," האב איך זיך דערמאנט אויפ'ן קול.

איך בין צוגעגאנגען צום בעל און געקלינגען.

שטיל... קיינער ענטפערט נישט. איך האב געקלינגען א צווייטן מאל. אבער אויך דאס מאל האט קיינער נישט געענטפערט.

'אינטערעסאנט,' האב איך געקלערט, 'זיי עסן געווענליך פורים אינדערהיים.'

איך האב זיך צוגעבויגן צו דער טיר און זיך צוגעהערט. עס האט זיך מיר געדאכט אז איך הער טריט. אבער די טריט האבן זיך נישט דערנענטערט צו מיר. אנגאַרטלנדיג זיך מיט קוראזש, האב איך געקלינגען א דריטן מאל. באמת איז נישט אזוי שיין צו קלינגען דריי מאל, אבער איך האב קלאר געהערט אז איינער איז דארט.

איך האב געקלערט צו מיר וואס דאס קען זיין, ביז איך האב זיך געכאפט. "א שטעקן... יא, איינער קלאפט מיט א שטעקן."

'מאדנע', האב איך געקלערט צו זיך. איך האב זיך אויסגעדרייט און זיך געגרייט אראפצוגיין, ווען איך האב פלוצלינג דערזען איינעם אונטער מיר.

"האלט!!" הער איך א געשריי, "אין נאמען פון געזעץ ביסטו ארעסטירט!!!"

אויף א מינוט האב איך זיך דערשראקן, אבער איך האב גלייך דערנאך געזען אז דאס איז זלמן גרינוואלד וועלכער איז אויך געווען פארשטעלט ווי א פאליציי מאן.

איך האב אנגעהויבן לאכן און אים געוואונטשן א שמחת פורים. דאן האבן מיר זיך ארויסגעלאזט אין א קליינעם טענצל לכבוד פורים.

"זאג, יוסי," האט מיר זלמן געפרעגט נאכדעם, "איך מיין דו האסט א טעות. איז די משלוח מנות פאר אונז אדער פאר מר. קליינמאן?"

"דאס איז פאר אייך און איך קלאפ שוין דא אזוי פאר כמעט צען מינוט," האב איך געענטפערט.

"אה, דו ביסט נישט ביים גוטן הויז," זאגט מיר מיין חבר.

"וואס הייסט?" האב איך נישט פארשטאנען. "איז דאס נישט 52 ספרינג סטריט?"

"יא," האט זלמן געזאגט, "אבער מיר וואוינען אויף 54 ספרינג סטריט."



# דער מלמד דערציילט



"און ווער וואוינט דא?" בין איך געווארן נייגעריג. איך האב געטראכט פון די קלעפ וואס איך האב געהערט.

"אה, דא וואוינט מר. קליינמאן. ער איז אן עלנדער מענטש, אבער ער איז נישט אינדערהיים. ער האט געזאגט אז ער גייט צו זיין פלימעניק (נעפיו) עסן די סעודה."

"אבער זלמן, איינער איז יא דארט. איך האב קלאר געהערט," האב איך געזאגט.

"אזוי?" האט זלמן געזאגט, "וואס האסטו געהערט?"

איך האב פארציילט די גאנצע מעשה פאר זלמן און ער איז שנעל געלאפן רופן זיין טאטע. ביז אייניגע מינוטן איז זיין טאטע צוגעלאפן און אנגעקלאפט אויפן טיר.

"ר' שמעי', איר זענט דארט?" האט ער געפרעגט. ער האט זיך צוגעבויגן צום טיר צו הערן. דער טאטע האט געקוקט צו מיר און געזאגט, "דו ביסט גערעכט. ער קלאפט מיט זיין שטעקן. איך האב מורא אז ער דארף הילף."

זלמן האט מיר שטילערהייט מסביר געווען אז מר. קליינמאן האט איבערגעלאזט א שליסל ביי זיי אין שטוב אין פאל פון נויט. אזוי ווי יעצט.

זלמן'ס טאטע איז צוריק אהיימגעלאפן און געברענגט א שליסל. ער האט אויפגעעפנט די טיר און גערופן, "ר' שמעי'!"

א שטילע, אויסגעמאטערטע קול האט זיך געהערט פון דער ווייטנס. "דא... דא... קומט דא..."

זלמן'ס טאטע אינאיינעם מיט די צוויי פאליציאנטן (זלמן און איך) זענען נאכגעגאנגען די קול. מיר זענען אריין אין קאך און געטראפן דארט ר' שמעי' אויסגעצויגן אויף דער ערד!

"אוי, ר' שמעי'!" האט זיך זלמן'ס טאטע דערשראקן, "וואס האט פאסירט מיט אייך?"

זלמן'ס טאטע האט אונטערגעהויבן ר' שמעי' און אים געהאלפן זיך אראפזעצן. ר' שמעי' האט אפגעקרעכצט. "איך ליג שוין אזוי דא באלד צוויי שעה," האט ער פארציילט, "איך האב זיך געוואלט אראפזעצן, אבער אנשטאט דעם בין איך אנגעקומען אויפן ערד. נאך א מזל איר זענט געקומען דא, אזוי האט איר מיר געטראפן."

זלמן'ס טאטע האט זיך יעצט אויסגעדרייט צו אונז. "אייגענטליך האב איך אייך נאכנישט געפרעגט, פארוואס זענט איר טאקע אנגעקומען אהער?"

זלמן האט זיך אנגערופן, "ווייל ער האט געזוכט אונזער הויז, כדי אונז צו ברענגען משלוח מנות."

זלמן'ס טאטע האט געקוקט צו מיר און צו מיין צוזאמענגעפאלענע משלוח מנות.

א קול האט זיך געהערט פון דרויסן. "יוסי?! יוסי?! וואו ביסטו?" איך האב דערקענט די קול. דאס איז געווען מיין טאטע.

"דא, טאטי," האב איך אויסגעשריגן און איך בין ארויסגעלאפן.

"וואס טוסטו דא?" האט ער נישט געקענט פארשטיין. "מיר ווארטן אלע אויף דיר צו מאכן די סעודה. איך האב שוין שיער נישט אריינגעמישט די אמת'ע פאליצייי," האט ער געזאגט האלב ערנסט און האלב אין א פורים'דיגע שטימונג.

"איך... איך... בין געקומען ברענגען משלוח מנות אבער איך האב נישט געקענט זען וואו גרינוואלד וואוינט ווייל... ווייל..." איך האב זיך ארומגעקוקט און מורא געהאט צו זאגן דעם נעקסטן זאץ. איך האב אבער נישט געהאט קיין ברירה. "ווייל איך האב נאכאמאל צובראכן מיינע גלעזער... אבער..." האב איך שנעל צוגעלייגט, "נישט איך... נאר א בער!!"

מיין טאטע האט זיך ארומגעקוקט און פארשטאנען אז ער פארשטייט נאר א האלבע מעשה. זלמן'ס טאטע האט אים דערציילט דעם איבעריגן חלק.

"א דאנק זיינע צובראכענע גלעזער, האב איך נישט קיין צובראכענע ביינער!" האט מר. קליינמאן געשמייכלט. "לחיים אידן, עס איז געשען נאך א נס פורים!!"

"קוקט נאר ווי דער אייבערשטער פירט די וועלט," האט מיין טאטע זיך אויסגעדרוקט. "פורים זענען מיר נאכאמאל מקבל די תורה, די הייליגע אמונה. צומאל זעט אויס אז װי א פראבלעם, ווי למשל, יעצט אז דו האסט צובראכן דיינע גלעזער, אבער אין אמת'ן איז דאס געווען א גרויסער חסד פון דעם אייבערשטן, אזוי האבן מיר געקענט העלפן מר. קליינמאן."

אויפ'ן וועג אהיים האט מיין טאטע געשמועסט מיט מיר און מיר געזאגט אז מיר זעען פון די מעשה אז מען דארף געדענקען אז "אלעס" איז דער אייבערשטער, נישט נאר ווען מיר זעען די שיינע סוף פון דער מעשה, נאר אויך ווען מען זעט נישט און מען פארשטייט נישט. אויך ווען דער אייבערשטער "פארשטעלט" זיך פון אונז, מיר זעען נישט און פארשטייען נישט. א איד גלייבט אלעמאל און ווייסט אז אלעס וואס פאסירט איז פאר אונזער גוטס.

# קליין און שיין



דינה יאקאבאוויטש – המן העגנט



יוטי און פייגי לעווי



מענדי און נחמן יאקאבאוויטש



נחמן און יוסי ראבינאוויטש



שלום עזריאל מאירוביץ



שלום עזריעל מאירוביץ



שמעון מאירוביץ



שרה פוקס



פייגי פינטער



שלמה יאקאבאוויטש



בית פיגא – ירושלים



בית פיגא – ירושלים



פייגי בוים



פייגעלע און הינדי יאקאבאוויטש



הינדי יאקאבאוויטש



משפחת קורדוזו און יאקאבאוויטש



פייגעלע פרידריך



קבר רחל – מענדי לב



פייגעלע יאקאבאוויטש, שרי פריינד, גיטי ראטה



משפחת בוים



נחמן ראבינאוויטש און אליעזר שלמה יאקאבאוויטש



משפחת כ"ץ